STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11489

GANOVIM-LIDER

Szmil Lehman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11489-8

9780657114893T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

גנבים־לידער

מיט מעלאָדיעס

געזאַמלט פון

שמואל לעהמאַן

פאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד, וואַרשע

PIEŚNI ZŁODZIEJÓW
Z NUTAMI.

Zebrał Sz. Lejman.

Wyd. P. GRAUBARDA,
Warszawa. 1928.

Druk. „GRAFIA" Warszawa, Nowolipki 22

אינהאַלטס־צעטל:

I. גנבים, אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזשאַנען־לידער . 7

II. ליבע־לידער 133

III. אָנמערקונגען און הוספות 205

ערשטע אָפּטײלונג

גנבֿים, אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזשאַנען־לידער

I

פינסטער איז מיר.



אוי, פינצטער איז מיר אַזוי ווי די גאַל,
אַזוי ווי דער גיפט פון די שלאַנגען.
אַך! ווען איך קלאָג, אוי, איך נאַכטיגאַל,[1]
וואָס מ'האָט מיך אַזוי געשווינד געפאַנגען.

---

1) דאָס ליד איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דאָס ליד פון נאַכטיגאַל".

דאָס ליכטיקייט פון די וועלט קען איך גאָרנישט געניסן,
ווייל פינצטער איז מיר און זויער.
אַך! מ׳האָט מיך געטאָן פאַרשליסן
אין די שטאַרקע מויער.

אין דעם שטייגעלע ליג איך אין ביטערע יסורים,
איך שטאַרב פאַר דורשט און פאַר הונגער.
אַלע טאָג מאַכן זיי זיך יום־טוב פורים,
זיי פאַרגעסן אין זייער טייערן זינגער.

אינדעם מאַך איך אָן אַ ליאַרעם, אַ געשריי,
און דערצו אַ געריידער:
מיינע שמערצן זענען ווינד־און־וויי.
עס חלומט זיך, איך זינג זיי לידער.

אוי, גאָט, דו געטרייער,
וואָס פאַר אַ שלעכטע מענטשן דאָ זענען!
שיק אַראָפּ פון הימל אַ פייער,
עס זאָל מיין שטייגעלע פאַרברענען, —

וואָלט איך געפלויגן מיט אַלע פייגעלעך צוגלייך,
איך וואָלט מיר געטאָן מיין האַרץ דערקוויקן.
דעם נאַטשאַלניק דעם רוצח —
איך קען אין די אויגן אַריין נישט קוקן.

פון די מענטעס[1] בין איך אַנטלאָפן,
ער זאָל מיר מיין בלוט נישט פאַרגיסן;
גלייכער וואָלט ער מיר געווען געטראָפן,
ער זאָל מיך גלייך דערשיסן.

---

[1]) מ ע נ ט ע : פּאָליציי־מאַן.

גלייכער וואָלט ער מיר געווען געטראָפן,
אַז איך זאָל דערפילן דעם שרויט,
איידער צו ליידן הונגער און דורשט
און צו שטאַרבן פאַר נויט.

1909 (בערל „האַטשיק“, טאַמאַשאָוו-ראַוועג).

II

אוי, ליג איך מיר אין תפיסה.



אוי, ליג איך מיר אין תפיסה, אין פינצטערן געצעלט,
צווישן די גראָבע מויערן.
אוי, ווי אומגליקלעך איז דער גנב אַף די וועלט,
זיין לעבן איז נאָר צום באַדויערן.

אוי, באַטראַכט נאָר, ליבע מענטשן, די לאַגע פון מיר,
און אויך פון מיין ליבע מוטער:
מיט יאָרן צוריק האָט מען מיין מוטער פאַרשיקט קיין סיביר,
איבערדעם איז מיר מיין לעבן פאַרביטערט.

מיט יאָרן צוריק, ווען מ׳האָט מיין מוטער פאַרשיקט,
דאַמאָלס האָט זי מיך געבוירן,
דאַמאָלס איז געקומען אַף מיר אַן אומגליק,
דאַמאָלס האָב איך מיין מוטער פאַרלוירן.

מיין מוטער איז אָפּגעשטאָרבן אין וויסטן סיביר,
צווישן די געדיכטע טאַיגן[1].
ז עָר טורמע-נאַטשאַלניק האָט מיך צוגענומען צו זיך,
.ין די תפיסה האָט ער מיך אויפגעצויגן.

אויפגעצויגן האָט ער מיך אין וויסטן סיביר,
צווישן די גראָבע מויערן.
היינט באַטראַכט נאָר, ליבע מענטשן, די לאַגע פון מיר!
אוי, מיין לעבן איז נאָר צום באַדויערן!

קיין ברודער, קיין שוועסטער האָב איך נישט געהאַט,
עלנט בין איך געבליבן,
מיין פאָטער מוז אויך זיין נע-ונד,
גאָט ווייס ווו מ׳האָט אים פאַרטריבן.

פון צענטן ביזן עלפטן יאָר בין איך אין סיביר געווען,
ביז וואַנעט איך האָט שכל באַקומען, —
דאַמאָלס האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן גיין,
צו קיין ענדע בין אין גישט געקומען.

אוי, איך וואַנדער, איך בלאָנדזשע שוין אייניקע טעג,
איך קען צו קיין ענדע נישט קומען,
דאָ האָט מיך באַגעגנט אַ מענטש אַף דעם וועג.
וואָס ער האָט מיך צו זיך אַהיימגענומען.

אוי, שטעלט אייך פאָר, ליבע מענטשן, די לאַגע פון מיר,
ווען איך בין אין זיין שטוב אַריינגעקומען:

[1]) רוס׳ש тайга: אַ זומפּיק געדיכטער וואַלד אין סיביר.

איך האָב געמיינט, אַז ער האָט מיטלייד מיט מיר,
וואָס ער האָט מיך אַזוי פיין אויפגענומען.

פיל צרות, פיל פיין האָב איך מיך דאָרט צוגעזען,
כ'האָב נישט געוווּסט וואָס מיין שטרעבן.
ער האָט מיך געלערנט, אוי, גאַנוועגען גיין,
צו נעמען בײַ מענטשן דאָס לעבן.

אוי, אַמאָל בײַ די נאַכט שטיי איך אין וואַלד,
דאָ קען איך קיין גוטס נישט דערלעבן,
פּלוצלונג זע איך אָנקומען מענטשן אַ סך:
„גיט אַהער דאָס געלט אָדער דאָס לעבן!"

געשאָסן, געשאָסן אַ צייט נאָך אַ צייט,
דאָס שיסן האָט מיר נישט געגליקט,
ס'וואָלט שוין פיל בעסער און קראַנטער געווען,
מ'זאָלט מיך קיין סיביר צוריקגעשיקט.

1914 (מענדעלע ריטשעווער, וואַרשע).

III

1 (נאָטן נאָכן טעקסט)

פאַרשאָלטן בין איך פון דיר, גאָט, געוואָרן,
מיין פּנים איז מיר פיל מיט שאַנד:
דו, גאָט־ברוך־הוא, ביזט אַרויס אַף מיר מיט אַ צאָרן,
אַף מיר, נעבעך, אָרעמער אַרעסטאַנט.

וואָס פאַר אַן עצה קען איך מיר שוין געבן,
איך זאָל אַף די פריי אַרויס, אוי, אַרויס!
אוי, איך זאָל נאָך וויסן עפּעס פון אַ לעבן
און זאָל קומען פון די תּפיסה לויז.

זיסער גאָט, שיק שוין צו די ישועה,
מאַך מיך לויז פון דיין האַנט.
יאָמיך נאָך האָבן באַ דיר די זכיה:
מאַך מיך אויס אַרעסטאַנט!

2

מיין פנים איז מיר געוואָרן פאַרביטן,
מיינע אויגן זענען מיר פאַרשטעלט,
וויפל צרות האָב איך שוין גענוג אָנגעליטן,
איך זע שוין נישט די שיין פון די וועלט.

איך דערמאַן מיך נאָר די פויעריקע צייטן —
און ווער וואָלט מיך היינט דערקענט, היינט דערקענט?!
ווי אַ טיר [חיה] בין איך אַקוראַט,
אַרומגעצוימט מיט די פיר ווענט.

עס ווערט מיר אַזש הייס און קאַלט אין יעדן אבר,
מיין ביטער האַרץ רעד איך אויס פאַר די פיר ווענט.
בעט איך דיך, זיסער גאָט, נעם מיך אַרויס פון קבר,
מאַך מיך אויס אַרעסטאַנט!

3

איך זיץ אין דעם פּאַוויאַק אַ גאַנצן טאָג און טרויער,
מיין האַרץ איז מיר שווער, ווי אַ שטיין.
אַז איך טו מיינע יונגע יאָרן באַדויער(ן),
גייט מיר אָן אַ שטאַרק געוויין.

די בעסטע צייט איז מיר אַוועק פון מיינע אויגן,
געטראָפן האָט מיך דאָס אומגליק, אוי, דאָס אומגליק!
וווּ ביזטו, צייט פון מיר אַוועקגעפלויגן?
מער וועסטו שוין נישט קומען צוריק.

מיין האָפענונג איז נאָר צו דיר, גאָט, אַליין,
מיין נאָמען זאָל ווערן צוריק באַקאַנט.
גאָט, פאַרנעם שוין מיין געוויין
און מאַך מיך אויס אַרעסטאַנט!

4

גאַנץ פרי אַזוי ווי דער טאָג ווערט נאָר געבוירן
פאַר יעטוועדן מענטש פון גרויס ביזגל קליין,
אַזוי בעט איך דיך, זיסער גאָט, דער טאָג זאָל ווערן פאַרלוירן
און די נאַכט זאָל קומען ווידער צוגיין.

די נאַכט קומט ווידער, איך לייג מיר נאָר אַנידער,
ווער איך אַנטשלאָפן מיט אַ גרויט געוויין, אַ גרויס געוויין!
חלומט מיך אַ חלום, כ׳בין באַ דעם גרעסטן גליק ווידער:
כ׳בין גאָר באַ מיר אינדערהיים.

איך גיי אַרום אַף די פריי אין דעם שיינעם העלן גאָרטן,
איך פריי מיך מיט מיינע גוטע פריינט...
איך כאַפּ מיך אויף אינדערפרי, זע איך ווידער די קלאָג,
כ׳בין דאָך צוריק אַרעסטאַנט.

5

איך זיץ אין דעם פאַוויאַק אַ גאַנצן טאָג
און איך בענק נאָר, מאַמעניו, נאָך דיר,
מיין ביטער האַרץ רעד איך אויס פאַר גאָט אַליין,
איך זאָל קענען קומען, מאַמעשי, צו דיר.

איך זאָלט געקענט, וואָלט איך צעבראָכן די ווענט,
איך זאָל קענען קומען, מאַמעניו, צו דיר, אוי, צו דיר!
איך זאָל נאָך קאָנען זיין מיט דיר ביינאַנד,
איך זאָל מיך קאָנען פרייען מיט דיר.

אַך, זיסער גאָט, טו שוין די ישועה,
מאַך מיך לויז פון דיין האַנט;
לאָמיך נאָך האָבן ביי דיר די זכיה:
מאַך מיך אויס אַרעסטאַנט!

6

ווי מ׳האָט מיך אין פּאַוויאַק, אין טשעמניע[1] געטאָן פּאַרקלאַפּן,
עס איז צו מיר זייער אַ גרויסע נויט:
דאָ איז נישטאָ מיט וואָס דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּן,
צומאָל קיין שטיקל ראַזאָווע ברויט.

איך ליג אין די טשעמניע, אין לעבעדיקן קבר
אַך, ווי קומט מען פון דאַנעט אַרויס, אוי, אַרויס!
איך בין דאָך שוין טויט-קראַנק אַף יעדערן אבר.
ווי אַזוי ווערט מען פון דעם קבר לויז?

מיין שווער האַרץ רעד איך אויס פאַר די ווענט אומזיסט,
מיינע געטרייע ברידער זענען די ווענט,
בעט איך דיך, זיסער גאָט, שיק שוין צו דעם טויט
און מאַך מיך אויס אַרעסטאַנט.

1902 (משה לינדער, וואַרשע).

[1]) טשעמניע: קאַרצער.—פּויליש: ciemnia „תּפיסה, פינצטער אָרט".

פארשאָלטען בין איך.



IV

1

מענטשן, האָרכטס נאָר אויס מיינע רייד:
איך וועל אייך די וועלט ריכטיק דערקלערן,
כ׳וועל אייך דערציילן, וואָס גנבה באַטייט, —
מ׳קען דורך איר אומגליקלעך ווערן.

אין די גנבה בין איך געווען זייער שטאַרק פּראַקטיקירט,
זי האָט מיר שוין מיין לעבן צוגענומען,
כ׳וועל אייך דערציילן, וואָס מיט מיר האָט זיך ספּאַסירט,[1]
כּדי עך זאָלט צו דעם אומגליק נישט קומען.

אין די גנבה בין איך געווען זייער שטאַרק פאַרליבט,
דארום איז מיר מיין האַרץ באַטריבט,
איך האָב פאַרלאָזט צוליב דעם אַלע מיינע געשעפטן.
פון אָנפאַנג קומט עס אָן צוקער-זיס,
מ׳פאַרלירט אָבער דערביי די הענט מיט די פיס,
מ׳פאַרלירט דערביי אַלע קרעפטן.

2

זיבעצן יאָר האָב איך אַף די וועלט געלעבט גאַנץ טייער,
איז מיר די גנבה פאָרגעקומען.
אַף דעם אַכצעטן יאָר איז מיר געוואָרן מיין שיין פאַרשטעלט,
מיין טייער לעבן האָט מיר די תּפיסה צוגענומען.

די גנבה האָט זיך געמאַכט אין מיין האַרץ אַ קוואַטיר,
זי לאָזט מיך דעם קאָפּ נישט אויפהייבן,
זי רעדט מיר איין, אַז זי איז באַשאַפן פאַר מיר,
אַז איך קען אָן איר קיין מינוט נישט לעבן.

---

[1] = פּאַסירט.

ווער עס איז קלוג,
פאַרשטייט דאָס אומגליק;
עס צונעמט יעטוועדן מענטש דאָס אבר;
איידער מ׳דערלעבט די נחמה,
גייט-אויס די נשמה,
יונגערהייט גייט מען, נעבעך, אין קבר.

1902 (משה לינדער, וואַרשע).

V

ביינאכט שיינט מיר די לבנה



בּאַנאַכט שיינט מיר די לבנה,
בּאַטאָג — די זון,
קיין אומגליקלעכער(ער) אַף די וועלט —
נישטאָ ווי איך בין.

צו מיינע צרות איז נישטאָ קיין ענדע,
ביז אין מיין מיתה, —
אַז איך בין שוין פאַרשריבּן
אין וואַרשעווער תפיסה.

אין וואַרשעווער פּאַוויאַק,[1]
איך צענטעווע[2] אין דעם אָרט,
אומגליקלעך איז דער מענטש,
וואָס ווערט פאַרשריבן דאָרט.

מאַמע, טייערע מאַמע,
רחמנות האָב אָף מיר!
איך בין אַ בלאַטער,[3]
וואָסאַרן נוץ קענסטו האָבן פון מיר?

כ׳זאָל קענען שרייבן, רעכענען,
פלעגסטו מאַכן געוואַלדן.
דער פּראָקוראָר לערנט מיך גאַנוועגען
און גוט באַהאַלטן.

1908 (יהושע שטיין, וואַרשע).

VI

מיין מאַמעליו האָט מיך געטראָגן,
געטראָגן און געזויגן,
מיין מאַמעליו האָט מיך דערקענט:
אַ גנב אין מיינע אויגן.

אַ גנב, אַ גנב איז דאָך
ביטער ווי דער טויט!
ער גאַנוועט און ער גאַזלט —
און ער האָט נישט אַף קיין ברויט.

1909 (לאה שליפּקע, קאַלושין, שעדלי׳ ג׳).

---

1) פּאַוויאַק: טורמע אַף פּאַוויע גאַס אין וואַ־שע.
2) צענטעווען: זיצן אין טורמע.
3) בלאַטער: אַ גנב.

VII

אוי, ס'איז מיר נישט גוט.



1

אוי, ס'איז מיר נישט גוט!
ס'איז נישטאָ קיין פרייע מינוט,
עס גייט מיר נישט איין מיין לעבן.

אַז אָך און ווײ,
און ווײ איז צו מיר,
אַז מ׳האָט מיך אין טורמע אָפּגעגעבן.

איך הער אַ געשרײ:
„געוואַלד! אױ-װײ!
כאַפּט אַ גנב, אױ, כאַפּט!״
מ׳כאַפּט אים און מען מ׳יאָגט אים,
מ׳הארגעט אים און מ׳שלאָגט אים.
אױ, ס׳איז נישט גוט צו זײן קײן גנב.

2

כ׳האָב מיר שוין פאַרשוווירן
פון מײן גליקלעכן געבוירן,
אַז מער קײן גנב װעל איך שוין נישט זײן.
פּלוצלינג הער איך אַ געשרײ,
גאָר אױפסנײ:
„כאַפּט אַ גנב, אױ, כאַפּט!״

מ׳כאַפּט און מ׳יאָגט,
מ׳הארגעט און מ׳שלאָגט,
גאָר אָן רחמנות.
אױ, ס׳איז נישט גוט,
ס׳איז נישטאָ קײן פרײע מינוט,
ס׳איז נישט גוט צו זײן קײן גנב.

1910 (כאַנטשע קרופּקע, װאַרשע)

VIII

הערטס אויס, מענשען.



1

הערט אויס, מענטשן, פון מיר אריה א ליד,

וואָס האָט זיך געטון מיט מיר ספּאַסירן:

קליינעהייט האָבן מיינע עלטערן געטון קוועלן,
אַז איך האָב געטון שפּאַצירן.

היינט מוז איך אין חדר[1] זיצן,
עלנט און ביטער אַזוי ווי אַ שטיין.
ס'איז נישטאָ מיט קיינעם קיין וואָרט צו רעדן,
נאָר צו דיר, גאָט, אַליין.

2

ס'איז געקומען מיטוואָך אין אַן אומגליקלעכן טאָג,
כ'האָב מיך אַף קיין שום זאַך נישט געראַכט:
ס'האָט מיך פון מיין שטיבעלע אַרויסגעיאָגט,
מיט סוראָוויטשן אַ שנאַפּס געמאַכט.

איך גיי מיר פאַרביי פאַר די רעסטאָראַציע —
אוי, מיין אומגליק איז דאָך גאָר גרויס!
ס'האָבן מיך צוויי בעלפערס[2] דערזען,
זיי האָבן געזאָגט, זיי קוקן מיך אויס.

3

אַזוי ווי כ'בין אין קיטש[3] אַריינגעקומען,
מיינע גוטע-ברידער[4] האָבן פון מיר נישט געוווסט.
דריי יאָר דאַרף איך אַ וויראָק[5] אויסזיצן,
און דאָס לעבן ווערט מיר פאַרמיאוסט.

אומזיסט מיין וויינען, אומזיסט מיין טרויערן,
איך בלייב דאָך עלנט אַזוי ווי אַ שטיין.
דעם וויראָק אויסזיצן וועל איך אין תּפיסה,
אין די תּפיסה איינער אַליין.

1906 (פסח אַלטגלאַס, ווארשע)

---

1) חדר: תּפיסה.
2) בעלפער: קרימינאַל-אַגענט.
3) קיטש: תּפיסה.
4) גוטער-ברודער: אַ חבר, אַ פריינט אין דער גנבים-וועלט.
5) פויליש: פּסק-דין.

IX



דער יאָלד[1] איז מיך מקנא,
דער יאָלד איז מיך מקנא,
דער יאָלד איז מיך מקנא מיט מיין דייכט שטיקעלע ברויט.
ער וויל פון גאָרנישט וויסן,
אַז די קעשענע איז צוריסן,
עס קומט מיר אָן שווער ווי דער טויט.

מיין מאַמע מיט מיין טאַטע,
זיי זענען געווען בלאַטע;
אַ רבילע איך זאָל ווערן דאָס איז זייער פאַרלאַנג.
ביז דרייצן יאָר כסדר
האָב איך געלערנט אין חדר,
ביז דרייצן יאָר האָב איך געקוועטשט די באַנק.

---

[1]) יאָלד: אַזעלכער, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער גנבים-וועלט.

אינדעם בין איך געזעסן,
געטרינקען און געגעסן,
מיין מאַמעליו פלעגט מיר אונטערשטעקן אַ קליין ביסעלע געלט.
געשטאָרבן איז דער טאַטע, —
און באַלד נאָכדעם די מאַמע,
געבליבן בין איך עלנט אַף די וועלט.

אַ ירושה האָב איך באַקומען,
מיט אַנדערע מזומן,
קאָרטן-שפּילן און קאָלעגעס—אַריינגעלאָזט זיך שטאַרק;
ס׳געלט האָב איך פאַרלוירן,
אין קאָרטן אָנגעווו רן,
געבליבן בין איך ריין אָן אַ מאַרק[1].

קום איך אַרויס אין מאַרק
און פּאַק אַ גוטן טאַרג:[2]
אַ מאַסעמאַטן[3] פון דאָלאַרן האָט זיך מיר געמאַכט,
קוקט אַף מיר אַ יענטע[4]
און שיקט אָן אַף מיר אַ מענטע,
מ׳נעמט מיך גלייך און מ׳צינטעוועט[5] מיך איין.

אין טורמע בין איך געזעסן
און אַרויסגעקוקט דורך די קראַטן...
זומער זע איך רעגנס גיסן, ווינטער זע איך שניי.
אַלע מיינע יאָרן
בין איך אין קיטש אָפּגעזעסן,[6]
און היינט טוט מיר אין יעדן אבר ווייִ.

1917 (שרה מינק, זאַמאָשטש).

---

[1]) דאָס ליד איז אַנטשטאַנען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן.
[2]) targ (פּויליש), = האַנדל.
[3]) מאַסעמאַטן (משא-ומתן): אַ גנבישער פּאַ־דינסט, אַ גנבה-אויספירונג; דער חפץ, וואָס דאַרף געגאַנוועט ווערן, די גנבישע זאַך.
[4]) יענטע: אַ פרוי (יידישע פ־וי). — דער פרויען-נאָמען יענטע האָט אין פּאָלק אויך אַ שפּעט-טייטש וועגן אַ שלימזלניצע, אַ נאַר.
[5]) איינצינטעווען: איינזעצן אין טורמע.
[6]) וואַריאַנט: אַלע מיינע יאָרן / זענען אין תּפיסה אָפּגעפאָרן. (וואַרשע).

X

דאָס גנבישע לעבען.



bis (

געדענק איך גוט,
ווען איך בין עלנט ווי אַ שטיין.
היינט ווען איך קלער,
ווי מיר איז שווער,
bis (בײַט מיר אַזש אָן אַ געוויין.
מ'שטערט מיר די גליקן,
מ'וויל מיך דערשטיקן,

מ׳שטערט מיר דאָס שטיקעלע ברויט.
מ׳שטערט מיר די פריי [fraa],
מ׳טוט מיר אָן צער [caal],
מ׳זוכט נאָר אָף מיר אַ טויט. (bis)

ווער ס׳זעט מיך נאָר גיין,
בלייבט הינטער מיר שטיין,
מ׳קוקט מיר נאָך מיט כעס;
מ׳ווינטשט מיר מיט קללות:
אפילו אין זיין גלות —
מ׳לאָזט מיך נישט גיין אָף די גאַס, (bis)

ס׳איז מיר אַ שאַנדע
צו גיין מיט די באַנדע[1],
גאַנוועגען אין מיטן די גאַס.
ס׳איז מיר אַ שאַנד
צו שטעקן די האַנט, —
פאַר שרעק ווער איך שטענדיק בלאַס. (bis)

איך ווער עלטער
און ס׳ווערט מיר
די גנבה ווע[illegible] מיך נאָ[illegible]
איך האָב נאָר אַ
איין האָפענונג
אַז ער זאָל מיר אַ פו[illegible]

ווען איך [illegible]לאָף באַ מיר[illegible]
קלאַפּט [illegible] באַ מיין טיר,
אינמיטן די נאַ[illegible] פאָליציי.
מ׳לאָזט [illegible] נישט רוען [rîen],
מ׳הייסט [illegible] אָנטון [ûntien],
איך מוז אַוועק[illegible] מיט זיי. (bis)

[1]) באַ[illegible] — גנבים-גרופּע, וואָס גייט אַ־ום בחבֿרותא אין גאַס גאַנוועגען.

מ׳לאָזט מיך נישט עסן,
מ׳לאָזט מיך נישט שלאָפן,
מ׳טרייבט מיך פון איין אָרט צום צווייטן.
מ׳האָט אין מיר אַ נקמה,
ווייל גנב איז מיין נאָמען [nume],
יעדער מענטש וויל מיך טייטן.
bis

איך קלער פון מיין פאָטער,
פון מיין געטרייע מוטער,
ווען איך האָב די גנבה נישט געקענט.
היינט איז מיר פינצטער,
כ׳בין שטענדיק דער מינדסטער.
איך וואַנדער אַרום אין די פרעמד.
bis

דאָס לעבן, דאָס זיסע,
די פריי פון די תּפיסה,
קען קיין מענטש נישט באַשרייבן.
דעם גנבישן ביסן,
וויל קיינער נישט וויסן,
נאָר איך איינער מוז באַ דעם בלייבן.
bis

מ׳טרייבט מיך, מ׳יאָגט מיך,
מ׳האַרגעט מיך, מ׳שלאָגט מיך,
זיי בלייבן שטענדיק גערעכט [geracht].
מ׳פרעגט נישט קיין שאלות,
מ׳טוט מיט מיר אַלעס,
מ׳שלאָגט מיך באַטאָג און באַנאַכט.
bis

מ׳שליסט מיך אין קייטן —
צום טויער, צום ברייטן,
דאָרט עפנט זיך אויף אַ טיר:
דאָס ענגע שטיבל,
דאָס פינצטערע גריבל
בלייבט אַ וווינונג פאַר מיר.
bis

1913

(יאָסל כליוונער, וואַרשע).

XI

די קליינע פענסטער



1

די קליינע פענצטער און די אייזערנע קראַטן,
וואָס מ׳זעט זיי אויס דעם לאַנד,
אַרום באַוואַכט פיל סאָלדאַטן, —
זיי פאַרהיטן דעם אַרעסטאַנט.

די הויכע תפיסה און די ברייטע ווענט,
די קייטן קלינגען אַף פיס און אַף הענט.
מענטשן זיצן טאָג און נאַכט, ⎫
סירן און שלעסער איז פעסט פאַרמאַכט. ⎭ bis

2

דאָס ענגע שטיבל איז פעסט פאַרשלאָסן,
דאָרט זיצט אַ מענטש, איינער אַליין,
טייכן טרערן איז דאָרט אָנגעגאָסן,
ער זוכט אַ מיטל מיט אַ געוויין:

„גאָטעניו,‘ ער האַלט עס נישט אויס,
נעם אים שוין פון תּפיסה אַרויס!
ער ליידט כּסדר הונגער און נויט,
דאָס שטיקל ברויט פון פיר לויט“.[1] (bis)

3

אַ יאָר צייט איז ער אָפּגעזעסן,
אָן אַ צאָל אינקוויזיט.[2]
ער האָט געמיינט, אַז מ׳האָט אָן אים פאַרגעסן,
דאַן הערט ער פּלוצלינג שווערע טריט.

אויפגעמאַכט האָט מען זיין טיר,
אין די האַנט דערלאַנגט אים אַ פּאַפּיר.
ווי ער האָט דאָס פּאַפּיר איבערגעלייענט,
האָבן די ווענט מיט אים מיטגעוויינט. (bis)

4

די קאַרעטע האָט אים געפירט צום סאָנד[3]
ווו עס שטייט דער גרינער טיש.
מ׳האָט אים באַלד פאַרשפּאַרט אין אַ קאָנט, [ווינקל],
געציטערט האָט ער ווי אַ פיש.

דער ריכטער האָט מיט די ציין געקריצט, —
האָט ער זיך צוגעפּיצט.[4]

---

[1]) דאָס ליד איז אַנטשטאַנען בעת דער רייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן.
[2]) אינקוויזיט: דאָס זיצן אין געפענגעניש ביז צום משפּט.
[3]) sąd (פּויליש),=געריכט.
[4]) צופּיצן זיך: מודה-זיין-זיך.

ער האָט געמיינט, אַז ער וועט גיין לויז,
האָט ער געקריגן פיר יאָר צוכט־הויז. bis

5

אַ יאָר צייט איז ער אָפּגעזעסן —
שוואַך און ביטער, ווי דער טויט,
זיין ווייב זי האָט אים פאַרגעסן,
געליטן האָט ער הונגער און נויט.

ער איז געוואָרן קראַנק אָן אַ צאָל,
מ'האָט אים געפירט אין אַרעסטאַנטסקע שפּיטאָל.
ער האָט געטראַכט צו זיך אַליין,
אַז לעבן קען ער שוין נישט מיין. bis

6

אַף דעם בעטל האָט מען אים אויסגעצויגן,
דער דאָקטאָר האָט אים באַלד באַטראַכט,
דעם טויט געזען האָט ער אין זיינע אויגן...
געשטאָרבן איז ער אין דיזעלבע נאַכט.

אַ שוואַרצע סמאַטע האָט זיין פּנים פאַרדעקט,
זיין נאָמען אויכעט אויסגעמעקט.
צוויי ליכט צוקאָפּנס אים אויפגעשטעלט,
געענדיקט האָט זיך שוין זיין וועלט, bis

7

מ'האָט באַלד געברענגט דעם שוואַרצן וואָגן
און אַוועקגעפירט דעם גרויסן העלד,
אַ צדקה־פּישקע אים נאָכגעטראָגן
און מ'האָט אַריינגעוואָרפן געלט.

ער ליגט אין קבר אויסגעצויגן
און שאַרבעלעך אַף זיינע אויגן.
אַ ברעטל צוקאָפּנס אים אויפגעשטעלט:
„דאָ ליגט באַגראָבן דער גרויסער העלד". bis

1917

(יאָסל כליונער, ווארשע).

XII

מיינע אויגן.



מיינע אויגן זענען בײַ מיר אָפן
פון קוקן אין הימל אַריין.
ס׳האָט דאָך מיך אַן אומגליק געט
מ׳פירט מיך אין צירקל[1] אַריין.

אַזוי ווי כ׳בין אין צירקל אַריינ
האָט מען מיך געזעצט הינטער
מ׳האָט מיר אַ באַפעל געגעבן,
אַז כ׳וועל אויסזאָגן, וועט מיר ג

דער עלטסטער ער קומט צו מיו
און נעמט מיך מיט גוטע רייד:
„אַז דו וועסט דעם אמת אויסז
ווי טייער וועסטו זיין געקליידט

אַ פּאָסטן וועלן מיר דיר געבן,
פיל געלט וועסטו בײַ אונדז פּ

[1] פויליש cyrkuł : פּאָליציי־קאָ...

קיין גאַסן-גייער[1] וועסטו מער נישט זיין,
און קיין שרעק וועט דיר שוין מער נישט פאָרקומען.

אַ דירה וועט מען דיר געבן,
די פענצטער אין גאָרטן אַריין,
אַלע פאַרגעניגענעס וועט מען דיר צוטיילן, —
אַז דו וועסט אונדז נאָר געטריי זיין".

איך טו מיך איבערקלערן,
איך ווייס נישט וואָס דאָ צו ריידן,
צי זאָל איך דעם אמת טאַקיש אויסזאָגן,
צרות וועל איך שוין נישט ליידן.

1910 (כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע).

XIII

(פּ. ווייל, וואַרשע, 1925).

XIV

אין דער טורמע.



אין די טורמע באַ די פענצטער,
באַ די אייזערנע קראַטן, bis
דאָרט זיצט זיך אַ יידישער אַרעסטאַנט.

אין די טורמע, ווו ס'איז הייס,
איך צורייס אַף מיר מיין פלייש: bis
ווי שלעכט איז צו זיין אַן אַרעסטאַנט.

ליג איך מיר אַף די נאַרע, —
די ביינדעלעך די דאַרע, — bis
אַ האַלב פונט ברויט מיט וואַסער אַ טאָג.

ווי אַלט בין איך גאָר:
איינגאַנצן איינאונצוואָנציק יאָר. bis
היינט מוז איך שוין זיין אַן אַרעסטאַנט.

די פייגעלעך זיי פליען,
די בלעטערלעך זיי בליען, (bis)
די קייטן זיי קלינגען אַף מיר. (bis)

אוי, דאָ פירט מען מיך אין סאָנד,
מ׳מאַכט אַף אַלע טירן
און מ׳שטעלט מיך אַנידער באַ די טיר.
איך שטיי באַ די טיר,
איך באַטראַכט מיין מונדיר:
מיין מונדיר איז פון שאַרע געוואַנט.

אַלע פרויען און קינדער
טון לויפן אַף מיינע ווינדער, (bis)
ווי מ׳פירט מיך געבינדענערהייט. (bis)

אַלע פרויען און קינדער
טון לויפן אַף מיינע ווינדער, (bis)
ווי מ׳פירט דאָ אַ יידישן אַרעסטאַנט. (bis)

1915 (דוד בעקער, קאַליש.)

XV

קומטס אַהער, אַלע מיינע ברידער,
זינגען וועל איך פון מיר דאָס ליד:
מיין ליד איז וויינעדיק, מיין ליד איז טרויערדיק,
וואָס האָט זיך מיט מיר ספּאַסירט.

אַזוי ווי מיין מוטער איז נאָר פון מיר אַוועק,
איבערגעלאָזט האָט זי מיך עלנט ווי אַ שטיין,

און קיין לערע האָט זי מיר נישט געגעבן, —
איך האָב געמוזט גאַנוועגען גיין.

אַזוי ווי כ׳בין נאָר אַ גנב געוואָרן,
און קיין מזל האָב איך נישט געהאַט, —
באַרן ערשטן מאַסעמאַטן, ווי כ׳בין נאָר צוגעגאַנגען,
אַזוי האָב איך באַלד אַן אומגליק געהאַט.

ס׳איז פאַרפאַלן מיינע יינגע יאָרן,
ס׳איז פאַרפאַלן מיינע שיינע טעג, —
ווער ווייסט, ווי לאַנג כ׳וועל שוין די היים נישט זען,
אַז די ליבע פרייַ איז שוין פון מיר אַוועק.

כ׳בין אונטערגעזעסן גאָר אַ קורצע צייט,
אַזוי האָט מען מיר געגעבן אַן אַקט.
אין אָקרוזשנאָי-סאָנד[1] איז געווען די ספּראַווע,
פיר יאָר אַ וויראָק האָט מען מיר אַריינגעפּאַקט.

אַזוי ווי
מיט ד
באַשטי
קיין פּ

אַזוי ווי כ׳בין קיין פּסקאָוו אַריינגעקומען,
געקריגן פּעטש האָב איך באַלד דעם ערשטן טאָג,
מ׳האָט מיך געהייסן טויפן אַף די קאַטוילישע רעליגיע, —
ס׳איז צו מיר אַ בראָך און אוי, אַ קלאָג.

ווי כ׳האָב נאָר דאָס, אוי-וויי! דערהערט,
איז מיר געוואָרן הייס און קאַלט:

---

1) קרייז-געריכט.
2) ראַטע—פאַרקירצט פון „אַרעסטאַנטסקע ראַטע".

ווי קען איך נעמען אזאַ שיינע רעליגיע
און איבערגעבן איר צום גלח אין די האַנט!

אַזוי ווי דער נאַטשאַלניק איז מיטן גלח אַריינגעקומען,
מיט גוטע רייד האָבן זיי גערעדט צו מיר:
— „אַז דו וועסט אָננעמען אונדזער רעליגיע,
וועט מען דיך נישט שיקן קיין סיביר.״

— אוי, גאָספּאָדין[1], איר מעגט מיר גלייבן,
אַז טון וועל איך, אוי, דאָס נישט:
איידער איך זאָל איבערגיין אַף אַ צווייטע רעליגיע,
איז קראַנטער צו שטאַרבן אַזוי ווי אַ ייד״.

מ׳האָט מיך באַלד אין וויסטן חושך[2] פאַרקלאַפּט,
פינצטער, נאַס, די ווענט האָבן געקלעבט, —
פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג פון מיין געבוירן,
וואָס איך האָב דאָס אַלעס דערלעבט.

(שלמה ראָטנבערג, וואַרשע).

[1] רוסיש: הער.
[2] קאַרצער.

XVI

וי אַ פויגל וואָלט איך געפלויגן
פון די תפיסה, די פינצטערע ווענט;
ווי אַ וואָרעם וואָלט איך געקראָכן,
געגראָבן די ערד מיט מיינע הענט.

נאָר, צום באַדויערן, מוז איך צענטעווען,
פינצטער איז מיר מיין וועלט:
כ׳קען נישט פליען, כ׳קען נישט ציען[1],
ווייל די קראַטן האָבן מיר דעם וועג פאַרשטעלט.

אָ, גראָבן וואָלט איך געקענט די ערד,
מיט מיינע הענט באַשטרייטן —
באַפרייען זיך פון די פינצטערע ווענט,
שטערן מיר די אייזערנע קייטן.

אַך, ליבער גאָטעניו!
ווי שיין און ווי ליכטיק דו האָסט די וועלט געמאַכט,
פאַר אַלע מענטשן איז זי ליכטיק
פאַרן אַרעסטאַנט איז זי פינצטער ווי די נאַכט.

1911 (אהרן קליינמאַן, לוויטש, ווארש׳ ת.).

XVII

דעם ערשטן טאָג האָט עס מיר געגילטין, —
קיין גרויסע זאַכן האָב איך נישט געהאַט:
כ'האָב נאָר געפּאַקט אַ פּאָר גילדן,
מיט דעם האָב איך זיך שוין באַזאַט.

אַף דעם צווייטן טאָג הייב איך זיך אויף, —
דער טאָג איז געווען גאַנץ שיין,
קומט צו מיר נאָך אַזאַ עלנטער
און זאָגט: „מיר וועלן אין גאַס אַריין גיין".

מ'גייט אַהין, מ'גייט אַהער,
קיין גליקן זעט מען נישט מער.
פּלוצלינג הער איך אַ געשריי:
„אָט איז ער!"

מ'גיט מיך אַ נעם,
און מ'פירט מיך גלייך אַוועק.
כ'האָב נישט געוווסט צו פרעגן קיין וואָרט,
כ'האָב געמיינט מיין לעבן נעמט אַן עק.

געוועזן בין איך נאָך גאַנץ ווייטיש[1],
כ'האָב נישט געוווסט, ווי זיך צו באַגיין.
אפילו צו זיין אַ גנב
דאַרף מען אויך קלוג זיין.

אָפּגעזעסן צוויי וואָכן
אַף ברויט מיט זאַ...
כ'האָב געמיינט, אַז
און די גנבה איז

1911

---

1) ווייטיש:

XVIII

אוי, דאָרט בײַ די טויטע.



אוי, דאָרט בײַ די טויטע,
דאָרט שטייט אַ מויער אַ רויטע,
די מויער איז אויסגעצירט
מיט די ציגעלעך די רויטע.

אוי, דאָרטן אַריינצוגיין
איז דאָך פינצטער און קאַלט,
און פון דאָרט אַרויסצוקומען
ווערט מען גראָ און אַלט.

אוי, ליג איך מיר אַף די נאַרע,
איך ליג שוין אַזוי ווי טויט, —
עפנט זיך אויף אַ קליין טירעלע,
און מ'וואַרפט אַריין אַ שטיקל שוואַרץ ברויט.

אוי, כ'וואָלט עס, נעבעך, געגעסן, —
ס'איז דאָך זייער שוואַרץ...
גיטס מיר אַריין אַ טעפל וואַסער:
ס'ברענט מיר אויס מיין האַרץ.

אוי, ליגן ליג איך מיר אַף די נאַרע,
הער איך אַ געררודער:
מ׳עפנט אויף ס׳טירעלע,
מ׳פירט אַריין אַ גוטן-ברודער.

אוי, גוטער-ברודער מיינער,
דו זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן:
כ׳האָב געשיקט נאָך אַ פעקל רויך[1],
ברענגען וועט מען עס מאָרגן.

אוי, זיץ איך מיר אַף דעם פענצטער
און קוק אַראָפּ אַף די פּאַווע-גאַס,
גייט אַדורך אַ גוטע-שוועסטער
און גיט צו מיר אַרויף אַ קנייס.

אוי, גוטע-שוועסטער מיינע,
זאָלסט נישט זאָגן פאַר מיין מאַמע:
מיין מאַמע וועט וויסן, אַז כ׳זיץ אין פּאַוויאַק,
קומען וועט זי נאָ ווידזעניע[2].

אוי, ליג איך מיר אין פּאַוויאַק
און קוועטש מיר אָפּ מיינע ביינער. —
כ׳האָב אַזוי פיל גוטע-ברידער,
ס׳זאָל דאָס קומען איינער!

אוי, גוטע-ברידער אַלע,
כ׳בין אייך דעם סוד מגלה:
כ׳האָב אַרומגערייזט די גאַנצע וועלט
און בין צוריקגעקומען צו מיין כלה.

---

1) רויך: פּאַפּיראָס, פּאַפּיראָסי.
2) פּויליש: דאָס זעען זיך מיטן אַרעסטאַנט אין תפיסה.

אוי, מ'טוט מיר אויס די קליידער
און מ'טוט מיר אָן די קאַפּאָטע; —
מ'האָט דאָך מיר פאַרגעליינט,
אוי, אַרעסטאַנטסקע ראָטע.

1903 (לאה יאַגאָדע, וואַרשע).

XIX

די זון שיינט און זי גייט אונטער, —
בײַ מיר אין טורמע איז זייער פינצטער.

טאָג און נאַכט טוט מען מיך היטן,
איך זאָל פון טורמע נישט אָפּטרעטן.

איך קען מיך פון קלוטשניק נישט אויסקויפן,
ס'שמעקט מיר די פריי, איך קען נישט אַנטלויפן.

אַזוי זיך איך אויס איין ווירעק, ב'צווייטן,
אַזוי טוט עס מיר מיינע יאָרן באַלייטן.

1911 (פּלאָצק).

XX

ניין חדשים האָט מיין מאַמעליו מיך געטראָגן,
איידער זי האָט מיך געהאַט, —
אַ לונג-פּעלער, מאַמעניו, האָב איך אין מיין האַרצן,
צייט כ'האָב אָנגעקוקט דעם קראַט.

ווי גליקלעך האָב איך מיך אַמאָל געשפּירט,
ווען איך פלעג אַף די פריי זיין, —
ס'האָט זיך מיר פאַרגליסט אַ בייז-גרינג לעבן,
בין איך אין די טורמע אַריין.

די טורמע זי מאַכט נישט אַזוי פיל אויס,
ווי די קייטן זענען באַ מיר שווער.
אוי, אַז ס'וועט מיר אויסקומען נאָך אַ פאָר וואָכן צו זיצן,
אויסהאַלטן וועל איך שוין נישט מער.

1912 (כאַנטשע קריפּקע, וואַרשע).

XXI

ווען ס'זאָל מיך קאָסטן מיין לעבן,
מו'ז איך פון תפיסה אַרויס:
אַ שבועה האָב איך מיר געגעבן,
איך זאָל גיין פון פאַוויאַק לויז.

באַנאַכט קען איך נישט שלאָפן,
באַטאָג קען איך נישט עסן:
אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן,
כ'קען דאָס גאָרנישט פאַרגעסן.

כ'בין פאַרשוכערט[1], כ'בין פאַרשיט,
מיין אומגליק איז זייער גרויס.
איך צענטעווע, ס'איז נישט גוט,
ווי אַזוי קומט מען פון דאַנעט לויז?!

1909 (יאַנקל פיינזילבער, ראָדעם).

[1]) פאַרשוכערט: אַדורכגעפאַלן, אויסגעגעבן געוואָרן. (פון העבר' שחור).

XXII

כ׳בין געוועזן קליין¹



כ׳בין געוועזן קליין,
בײַ מײַן טאַטע-מאַמע אין די היים,
אוי, וואָס האָב איך דאַמאָלס באַדאַרפט!
איך טו מיך דערמאָנען,
כ׳בין אין חדר געגאַנגען,
דער רבי האָט געלערנט גאַנץ פיין[1].

כ׳הייב מיך אויף אינדערפרי,
צו מײַן חבר גיי איך אַהין:
אין חדר האָב איך נישט געוואָלט גיין.
מײַן מאַמעליו שטייט גרייט
און וואַרט מיך אָן צו די צייט,
זי זעט מיך פון חדר נישט גיין.

ס׳איז שוין פאַרבײַ
אַ יאָר דרײַ,
די מאַמעליו קען נישט פאַרגעסן אָן דעם קינד;

---

1) וואַריאַנטן—פּנחס גראַבאַרד „געזאַנגען פון תהום" X, VIII (ביי אונז יודען).

פון דעם קינדס צופיל זאָרגן,
איז דער טאַטעליו געשטאָרבן,
ס'איז אַלעס דורך מיינע זינד.

אין אַ זומערדיקע נאַכט
האָט זיך מיר געמאַכט,
אַז גאַנוועגען האָב איך געמוזט גיין, —
טויט ווי די וואַנט,
דעם שאַבער[1] אין די האַנט,
כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל גליקלעך זיין.

כ'בין צום ערשטן טויער צוגעקומען,
האָב איך מיר פאָרגענומען,
כ'האָב מיר פאָרגענומען, כ'בין אַריין אין אַ הויז;
כ'האָב באַמערקט, ווי ס'איז טונקל,
כ'האָב מיך געמאַקלט[2] אין אַ ווינקל,
כ'האָב באַמערקט ווי די קעכן גייט אַרויס.

כ'האָב געפתיחה'נט די טיר,
כ'האָב געפּאַקט אָן אַ שיעור,
כ'בין געוועזן, אוי, פאַרטיק צו גיין, —
פלוצלינג טו איך הערן,
ווי מ'טוט זיך קערן,
סטאַמיעיעט בין איך געבליבן שטיין.

אַזוי באַלד
איז געוואָרן אַ געוואַלד,
ס'ביסל יאָלדן האָבן זיך געפּאַקט צו דעם הויז.
אַ געטימל און אַ געשריי:
„זלאָדזשעיאַ זלאַפּאַי!" [כאַפּ אַ גנב]
איך קען שוין פון דאַנעט נישט אַרויס.

---

[1]) שאַבער: אַ שטאַמאייזן אויפצובּרעכן טירן.—פון העברעאיש „שבר".
[2]) מאַקלען-זיך: באַהאַלטן-זיך, שטעלן זיך אַף אַן אָרט, כּדי נישט באַמערקט צו ווערן. פון העבּרעיש: „מקל" — אַ שטעקן. עס זאָל זיך נעמען דערפון, וואָס ווי דער שטייגער איז אַוועקצושטעלן אַ שטעקן אָן אַ זייט, אַ ווינקל.

ס'ביסל יאָלדן לויפן אַף מײַנע ווונדן,
ווי מ'פירט מיך געבונדן,
אין זיבעטן צאַרקל אַרײַן.
מ'האָט נישט לאַנג, אוי, געטראַכט
און אַ פּראָטאָקאָל געמאַכט
און מ'לאָזט מיך אין די פינצטער אַלײַן.

מ'פירט מיך אין סאָנד,
מ'זעצט מיך אין אַ קאָנט,
דעם ווירעק האָט מען מיר פאָרגעלייגט.
קאָנאָוואָיען בײַ די זייטן,
געקאָוועט אין קייטן,
איך הייס שוין מיט דעם נאָמען אַרעסטאַנט.

כ'קוק אָן די קראַטן,
דערמאָן איך מיר מײַן טאַטן:
אוי, געשטאָרבן איז ער צוליב מיר!
כ'דריי מיך אויס צו די וואַנט
מיט אַ גרויס געוואַלד, —
אַז גאַנווענען ווע? איך שוין נישט מער.

כ'בין נאָר אַרויסגעקומען,
צו די אַרבעט האָב איך מיך גענומען,
זעקס רובל אַ וואָך האָב איך פאַרדינט;
איך האָב
אַז כ'בין
די גנבה זי ציט

1913

XXIII

מקנא בין איך.



די טורמע האָט מיר אַוועקגערויבט מיין יוגנט
און צוגענומען באַ מיר מיין מוט,

אַך, ווי גליקלעך האָב איך זיך געלעבט
און ווי איז מיר געווען אַמאָל גוט.

פון קיין טורמעס, קיין תפיסות האָב איך נישט געוווּסט,
ווי גוט איז מיר דאַן געווען!
איבעראַל בין איך געווען באַוווּסט,
באָר ס'האָט מיר פאַרגליסט אַ גרינג לעבן.

איך האָב אַלץ אַוועקגעוואָרפן
און זיך גענומען צו די אַרבעט.[1]
מיינע קאָלעגעס זיי האָבן מיך דערוואָרגן,
זיי האָבן מיך צו דעם געניית.

1912 (כאַנטשע קרופּקע, ווארשע).

XXIV

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג פון מיין געבוירן,
וואָס איך בין אַף די וועלט אַרויס!
קראַנטער וואָלט איך געווען פאַרלוירן!
אָבער וואָס קומט מיר דערפון אַרויס.

שוועסטער און ברידער, נעמט אייך אַ ראיה,
ווי אַ גנב גייט פון די וועלט:
פון אַזוי פיל גוטס, וואָס כ'האָב געהאַט,
שטאַרב איך אין מאָנקעטאָוו[2] אין פינצטערן געצעלט.

---

1) אַרבעט: גנבישע־מלאכה.
2) וואַרשעווער פאָרשטאָט.

ווער וועט נאָך מיר וויינען, ווער וועט נאָך מיר קלאָגן?
וואָס וועט יעצט מיין ענדע זיין?
אין מאָנקעטאָוו אַפן פעלד וועט מען מיך באַגראָבן,
און דאָ וועט מיין ענדע זיין!

ס'איז געקומען זיבן אַ זייגער,
ס'איז געקומען די ערשטע מינוט,
אין קאַרץ אַריין האָט מען מיך גענומען,
באַלד האָב איך באַקומען אַ קוואָטאָק[1] פון בלוט.

פון קאַרץ אין שפיטאָל האָט מען מיך געכאַפט,
כ'האָב געמיינט ס'וועט שוין מיין ענדע זיין,
אַסוף בין איך געוועזן שטאַרק ווי אייזן,
און עס האָט מיך אָנגענומען אַ יאָמערלעך געוויין.

כ'בין אונטערגעלעגן אַ פּאָר טעג אין שפיטאָל,
כ'האָב מיך אַף דעם אומגליק נישט גערעכט, [gerecht]
אַ צווייטער קוואָטאָק האָט מיך באַגעגנט
און ס'האָט מיך פון די וועלט אומגעבראַכט.

אַטיעס, מיין מוטער, אַטיעס, מיינע שוועסטער,
קיין צרות וועט עך פון מיר שוין נישט ליידן,
איך בין שוין באַגראָבן אין מאָנקעטאָוו אַפן פעלד,
און נאָך מיר זאָלט עך אין אַלע ביכער איינשרייבן.

אַטיעס, אָדינאָטשקע[2] אַטיעס, לעגימאַטע,
כ'האָב נישט געוווּסט אַז כ'וועל מיך מיט אייך צושיידן,
ווער ווייסט, וועלכער אומגליקלעכער ס'וועט דאָ אַריינקומען,
און וועט אַף מיין אָרט פאַרבלייבן.

1909 (שלמה ראָטענבערג, וואַרשע).

---

[1]) פּויליש krwotok: בלוטשטורץ.

[2]) רוסיש: איינצלקאַמער.

XXV

שוועסטער און ברידער.



שוועסטער און ברידער, איר מעגט אייך שוין באַפרייען,
ווײַל די גנבה איז קיינמאָל נישט גוט,
וויל̄ט איר נישט גלייבן, נעמט־זשע אייך אַ ראיה
און הערטס פון יאָסל־קילע אַ ליד[1]. (bis)

ווען איך בין אַ קליין קינד געוועזן,
האָט מיך מיין מאַמע ליב געהאַט,
זי האָט מיך געלערנט שרייבן און לעזן,
זי האָט געמיינט, אַז כ׳וועל זיין אַ לייט. (bis)

ווען איך בין צו מיין שכל געקומען,
מיין מאַמעס ווערטער האָב איך נישט דערפילט,
צו די גנבה האָב איך מיך גענומען,
אַ גרויסע ראָלע האָב איך געשפילט. (bis)

ווען איך בין אַ גנב געוואָרן,
איז פון מיר דאָס מזל אַוועק,

---

[1]) וואריאנט: און הערטס אויס פון מיר א ליד.

פון הימל איז אַף מיר צראָפּ אַ צאָרן,
אַז איך זאָל נישט קאָנען קומען צו קיין צוועק.
bis

אָן אַ מאַמע און אָן אַ טאַטן,
עלנט געבליבן אַזוי ווי אַ שטיין.
ווען איך דערמאַן זיך אין מיינע יינגע צייטן,
גייט מיר אָן אַ שרעקלעך געוויין.
bis

דאָס גנבישע לעבן איז אַ גרויסע שאַנדע,
אַנדערש טון האָב איך נישט קיין פּלאַן.
נאָר כ׳מוז צוריק אַוועק צו מיין אַלטע באַנדע,
און מוז מיט זיי גאַנווענען גיין.
bis

ווי כ׳בין אַרויס אַף מיין ערשטע גנבה,
געציטערט האָט אין מיר דאָס בלוט.
כ׳בין געווען פעוונע,[זיכער] ווי נח מיט זיין תבה;
נאָר אַף מיין אומגליק בין איך געוואָרן פאַרשיט.[1]
bis

אַ גרויסן וויראָק האָט מען מיר געגעבן,
כ׳האָב געקלאָגט מיט אַ יאָמערלעך געשריי,
יעצט איז שוין פאַרפאַלן אַף אייביק מיין לעבן,
כ׳וועל שוין נישט מיין זען די פריי.
bis

אין אַ שיינעם זומער רעגן,
ווען די בלעטער האָבן געבליט,
אַף מיין נאַרע בין איך מיר געלעגן
און כ׳האָב מיר געזינגען אַ טרויעריק ליד.
bis

ווען איך בין אין תפיסה געקומען,
פאַרלוירן האָב איך מיין געדאַנק.
פאַר קרענקונג האָב איך קיין עסן נישט גענומען,
און איך בין געוואָרן שרעקלעך קראַנק.
bis

---

1) פאַרשיט, פאַרשיט־ווערן: אַדורכפאַל האָבן, ענטדעקט ווערן.

כ׳בין געזעסן אין די פינצטערע תפיסה,
איך האָב פון מיר אַ תל געמאַכט.
פאַר מורא האָב איך געאַרבעט מיט די גסיסה,
גאַנצע טעג און גאַנצע נאַכט [נעכט].
bis

דעם שווערן וויראָק בין איך אויסגעזעסן,
אָפּגעלאָזט האָט מען מיך אױף די פריי,
אָן די פינצטערע תפיסה האָב איך באַלד פאַרגעסן
און בין געגאַנגען גאַנוועגען אויפסניי.
bis

די גרעסטע גנבות האָבן מיר געגראָטן,
כ׳בין געוואָרן רייך און גרויס.
אַריין איז אין מיין געדאַנק, אוי, אַ שטן,
אַז אַ מיידל זאָל איך מיר נעמען פון אַ שאַנד-הויז.
bis

כ׳האָב מיך געטון אָן איר פאַרליבן,
אין די שענסטע קליידער האָב איך זי געפּוצט,
כ׳האָב איר אויסגעמעבלירט שיינע שטיבן, —
צום לעצט האָט זי מיך אויסגענוצט.
bis

צו די גנבה האָב איך מיך צוריקגענומען
און בין געגאַנגען גאַנוועגען אָף-גוט[1],
ווען כ׳בין נאָר צו ערשטן מסחר[2] צוגעקומען,
בין איך דאָרט באַלד געוואָרן פאַרשיט.
bis

קיין שטיקל ברויט האָט מען מיר נישט אַריינגעגעבן,
כ׳האָב געליטן הונגער און נויט.
אין תפיסה געענדיקט האָב איך מיין לעבן.
מיין כלה איז שולדיק אין מיין טויט.
bis

1917 (יאָסל כליוונער, וואַרשע).

---

1) אף-גוט: אף-פּעסט.
2) גנבה.

XXVI

ניגון חָדָשים.



ניין חדשים האָט מיין מאַמעליו מיך געטראָגן,
זי' האָט מיך געטראָגן און געהאַלטן אַף אירע הענט.
אָבער היינט, מאַמעליו, דו זאָלסט מיין פּנים אָנקוקן,
וואָלסטו דאָך מיך נישט דערקענט[1].

אוי, מאַמעליו-קרוין, דו זאָלסט מיין פּנים אָנקוקן,
וואָלט דיר אָנגעגאַנגען אַ יאָמערלעך געוויין.
אַכטצן חדשים אינקוויזיט אויסגעזעסן,
מאָרגן דאַרף איך צו די ספּראַווע שטיין.

אַזוי ווי ס'איז געקומען מיטוואָך אינדערפרי,
איך שטעל מיך דאַווענען מיט אַ יאָמערלעך געוויין:—

---

[1]) וואַריאַנט—כּנחס גראָובאַרד „געזאַנגען פון תהום" I (ביי אונז יודען).

ליבער גאָט אין הימל, האָב אַף מיר רחמנות,
העלף מיר, כ'זאָל פון מיין אומגליק לויז גיין.

אַזוי ווי מ'האָט מיך אין אָקרוזשנאָי-סאָנד אַריינגעפירט, —
געפירט האָט מען מיך מיט קאָנוואָו באַוואַכט, —
אַזוי ווי כ'בין אין אָקרוזשנאָי-סאָנד אַריינגעקומען,
האָב איך געזען ווי דער קאָמפּלעט איז פאַר מיר שוואַך.

אַזוי ווי כ'בין צום טיש צוגעגאַנגען,
געפאַלן בין איך די שטימפּקע[1] צו די פיס, —
כ'האָב זי געבעטן, זי זאָל מיך אָפּפּיצן[2],
זי זאָל זאָגן, אַז דער אייגענער בין איך נישט.

אַזוי ווי מ'האָט מיך פון סאָנד צוריקגעפירט,
האָב איך געזאָגט: גוטע ברידער, ס'איז נישט גוט!
כ'האָב גערעכנט פון מיין אומגליק לויז-צו-גיין,
און אַף פיר יאָר פירט מען מיך צוריק.

אַזוי ווי כ'בין צום אַרסענאַל צוגעקומען,
איז אַדורך דורך מיינע ביינער אַ גרויל [grooł]:
דאָס טירעלע פון קאַמער איז אַף דריי שלעסער פאַרשלאָסן,
און דער קלוטשניק דרייט זיך אַרום אין קאָרידאָר [korydoł].

מאַמע-לעבן-קרוין, דו זאָלסט מיין פנים אָנקוקן,
דו וואָלסט דאָך מיך נישט געווען דערקענט:
כ'בין דאָך היינט צוגלייכן אַזוי ווי צו אַ טויטן,
אין קאַמער איינער אַליין מיט די פיר ווענט.

1907 (שלום ראָזינקין, וואַרשע).

1) שטימפּקע: אייגענטימערן פון דער געגאַנוועטע זאַך, די געליטענע פרוי פון דער גנבה.

2) אָפּפּיצן: רייניקאשן פון דער שולד.

XXVII

פאַרשאָלטען בין איך געבוירען.



1

פאַרשאָלטן בין איך געבוירן דעם דאָזיקן טאָג,
צייט כ׳בין פון מיין היים אַרויס, —
היינט איז אַף מיר אַ פינצטערע קלאָג,
כ׳קום נישט אַהיים צו מיינע עלטערן אין הויז.

גוטער-ברודער, ס'איז מיר אַזוי שלעכט,
און דאַצו זייער ביטער,
כ'בלאָנקע מיך אַרום באַטאָג און באַנאַכט,
כקום נישט אַהיים צו מיין פאָטער און מוטער.

2

צייט כ'בין פון מיין פאָטערס היים אַ־ויס,
האָב איך מיר גענומען אַ כלה אַ הור.
צייט איך האָב די גנבה דערקאָנט,
האָב איך געגאַנוועט און געראַבירט.

גוטער-ברודער, ס'איז מיר געווען אַזוי גוט,
כ'האָב קיינמאָל פון קיין נויט נישט געוווסט.
כ'האָב מיר פאַרווינטשן דעם אייביקן טויט,
איידער צו זיצן אין צאַרקל אַ מינוט.

3

אַזוי ווי כ'בין נאָר אין צאַרקל אַריינגעקומען,
האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אַף די פּריטש,
איז צו מיר אַ פּאָביטאָוועַ[1] גנב צוגעקומען
און האָט מיך געפרעגט, פאַר וואָס איך זיץ.

כ'האָב מיך פון אים אויסגעלאַכט,
כ'האָב אים נישט געוואָלט זאָגן,
האָבן מיר זיך אָנגעהויבןביידע שלאָגן,
האָט מען אונדז אָפּגעשיקט אין קאַרץ אַריין אַף אַ גאַנצע נאַכט.

4

אַזוי ווי כ'בין אין קאַרץ אַריינגעקומען,
האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אַף די שטאַבע,
איז צו מיר דער שליסער צוגעקומען
און האָט מיר געזאָגט: „מאָרגן איז דיין כּפּראָווע".

---

[1]) פּויליש: אַ גנב, וואָס איז שוין אָפּגעזעסן זיין שטראָף אין אַן ער-מקלט.

כ׳האָב מיך פון אים אויסגעלאַכט,
כ׳האָב עס געהאַלטן פאַר אַ קלייניקייט,
ווי מ׳האָט מיך אין סאָנד אריינגעבראַכט,
האָט מען מיך אָף צען חדשים אריינגעלייגט.

5

אַזוי ווי כ׳בין פון סאָנד אַראָפּגעקומען,
בין איך געוועזן אָף מיינע גוטע-ברידער בייז,
איז מיין כלה צו מיר צוגעקומען
און האָט מיך פון דעם אַלעם געטרייסט.

זי האָט דאָך מיר אַזוי געזאָגט,
אַז זי וועט גיין צום סעקרעטאַר,
צום סוף גייט נישט אויס קיין אַכט טעג,
שיקט מען מיך אָפּ פון ראָטהויז אין אַרסענאַל.

6

אַזוי ווי כ׳בין אין אַרסענאַל אַריינגעקומען,
בין איך געבליבן שטיין גאָר אַנטשטאַנען,
אַזוי ווי מ׳האָט מיך אין דעם בוך איינגעשריבן,
האָט מען מיר אָגגעטון די אַרעסטאַנטסקע אובראַניע.

גוטער-ברודער, כ׳האָב אויסגעזען אין דעם אַזוי שלעכט,
אַזוי ווי אַ דראָזשקאַז אָף דעם קאָזשאַל [קעלנע].
מ׳האָט מיט מיר קיין שום געשעפטן נישט געמאַכט,
מ׳האָט מיך אָפּגעשיקט אין פאַרדן אָדזשאַל [אָפּטיילונג].

7

אַזוי ווי כ׳בין אין פאַרדן אָדזשאַל אַריינגעקומען,
בין איך געבליבן שטיין אַזוי ווי דיל,
איז צו מיר אַ פּאָביטאָווע גנב צוגעקומען
און האָט מיר געזאָגט: „יונגערמאַן, היינט וועסטו מוזן טראָגן
דעם קיבעל[1].

[1]) קיבעל: עמער, כלי, אין וועלכן די ארעסטאַנטן טון דעם מענטשליכן געברויך. „פיצן דעם קיבעל”—ריייניקן דעם בית־הכסא אין טורמע. פויליש Kubeł — דייטש Kübel.

כ'בין געבליבן שטיין אַזוי רויט,
כ'האָב נישס געוווּסט וואָס צו זאָגן,
כ'האָב אים געגעבן אַ פּאַיקע[1] ברויט,
ער זאָל דעם קיבעל פֿאַר מיר טראָגן.

1908 (איטשע שלאָזבערג, וואַרשע).

XXVIII

צוויי וואָכן פֿאַר ערב פּסח.



צוויי וואָכן פֿאַר ערב פּסח, —
ס'איז געווען מיטוואָך פֿאַרנאַכט, —
דאָ בין איך מיר אין גאַס אַריין געגאַנגען,
אַף דעם אומגליק האָב איך מיך נישט געראַכט. [געריכט]

אַ מאַסעמאַטן האָב איך אויסגעקוקט,
דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך פעל [illegible].

---

[1]) פּאַיקע: אַ שטיקל (ברויט). רוסיש паек: אַ חלק ברויט, וואָס דער זעלנער באַקומט. —

צום אומגליק בין איך געלאָפן געשיקט
און האָב אויפגעגאַלט[1] די דלת. [טיר]

מיטן לאָם צו אַ קאַסע בין איך צו.
איך אַרבעט און טו שטיל זינגען.
נאָר אומזיסט איז געווען מיין מי:
כ'האָב געהערט אַ כאַ[2] און באַרן טויער קלינגען.

די יעלה האָט זיך דערנענטערט צו די שטוב,
יאָלדן זענען באַ מיר אַ גאַנץ שאָק...
ווייל די פריי[3] איז באַ אַ נורקע[4] ליב,
בין איך אַראָפּ פון פענצטער פון דריטן שטאָק.

ווי כ'בין פון דריטן שטאָק אַראָפּגעשפרונגען,
געפאַלן בין איך אַף אַ שטיין;
איך האָב מיר גאָרנישט געטון,
נאָר צעבראָכן אַ פוס ביז צום ביין.
[אָדער: אַ פוס צעבראָכן אין דרייען אַ ביין].

ווי כ'האָב מיין פוס צעבראָכן,
קיין צייט האָב איך נישט געהאַט צו רוען:
מ'זאָל מיך גרייפן[5], —
האָב איך אָנגעהויבן אָפּציען[6].

1903 (משה לינדער, וואַרשע).

---

1) אויפגאַלן: אויפמאַכן, אויפברעכן.
2) כאַ: אַ געשריי, אַ געוואַלד. (העבר' חי).
3) פריי: דאָס נישט זיצן אַרעסטירט.
4) נורקע: אַ גנב.
5) גרייפן פאַנגען, אַרעסטירן. דייטש greifen.
6) אָפּציען: אַנטלויפן.

XXIX

אזוי ווי כ׳בין נאָר אַ גנבֿ געוואָרען.



אַזוי ווי כ׳בין נאָר אַ גנב געוואָרן,
קיין גליקן האָב איך נישט געהאַט, —
כ׳בין געגאַנגען אין גאַס אַריין פּאַרדינען,
דער שטימפּ האָט מיר אָנגעמאַכט אַ כאַ.[1]

דער שטימפּ האָט מיר אָנגעמאַכט אַ כאַ
אַף דעם גרויסן הויף,
אין פינף מינוט אַרום
הער איך אַ געשריי: „גראַדאַוואָי!"

ווי דער גראַדאַוואָי איז צו מיר צוגעקומען,
אַף דעם אָרט האָט ער מיך באַזוכט.
ער האָט מיך באַ די האַנט אָנגענומען,
אין צאַרקל אַריין האָט ער מיך געפירט.

ווי כ׳בין נאָר אין צאַרקל געקומען,
אַ פּראָטאָקאָל האָט מען מיר געמאַכט.

---

[1]) וואַריאַנט—פּנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום" LXII (בײַ אונז יודען)

מ׳האָט מיך באַ די האַנט אָנגענומען,
אין ביורע־שלעסטווע האָט מען מיך אַראָפּגעבראַכט.

ווי כ׳בין נאָר אין ביורע אַראָפּגעקומען,
אַזוי האָט מען מיר געצאַפּט מיין בלוט:
כ׳האָב געהאַט אַ פּאַלטשן שותּף —
אַף־לינקס האָט ער מיך פאַרשיט.

1907 (וואַרשע).

XXX

די פינצטערע נאַכט איז אָנגעקומען,
אוי, וויי און ווינד!
ווי אומגליקלעך בין איך אַף די וועלט געבוירן,
מיט מיין טייער איין־איינציק קינד.

מיין מאַמע האָט מיך געטון וואָרענען,
אַז איך זאָל גאַנוועגען נישט גיין.
כ׳האָב נישט געוואָלט פאָלגן מיין מאַמע,
טוט מיר אַזאַ סוף אויסגיין.

איך געזעגן מיך, מאַמעניו, מיט דיר,
איך פאָר שוין פון דיר אַוועק.
אַ גויסקע וועסטו אין קורצן פון מיר דערהאַלטן,
אַז אַף סיביר שיקט מען מיך אַוועק.

אוי, איך בין אָנגעקומען קיין קיצוו,
אין קיטש בין איך געזעסן אַליין.
אַצונד דערמאַן איך מיך אין מיין מאַמעניוס רייד,
נעמט מיך אָן אַ גרויס געוויין.

אוי, וואָס ווילסטו, מערדער, האָבן פון מיר,
און וואָס טוסטו מיך אַזוי שלאָגן?
דעם אמת, וואָס איך זאָג דיר, האָב איך דיר געזאָגט,
און די קייטן וועל איך אייביק טראָגן.

איך ליג מיר אַף מיין בעטעלע פאַרקלערט און פאַרשמאַכט,
וויאַרומערט איך זאָל מיך ווערן,
וויאַרומערט איך זאָל די קייטן פון מיר אַראָפוואַרפן
און די פינצטערע תּפיסה פּטור ווערן.

אַזויערנאָך האָב איך מיך באַקלערט,
און אַזויערנאָך האָט זיך מיר אויסגעדאַכט:
אַז קומען וועל איך שוין מער נישט אַהער, —
און איך האָב פּליטה געמאַכט.

1907 (שלמה׳קע ראָטענבערג, וואַרשע).

XXXI

גיי איך אין גאַס אַריין
מיט אַ שאַבער אַ גוטן,
קומט אַ פּאַסקודנער יאָלד
און טוט מיך פאַרשיטן.

ער פאַרשיט מיך אַף־גוט,
ער טוט אַלעס דערציילן.
עס קאָכט אין מיר מיין בלוט,
און מ׳טוט מיך הויקן[1].

איך צענטעווע אין קיטש,
דאָס אומגליק איז דאָך זייער גרויס.

[2]) הוילן: אַרעסטירן, פאַרנעמען אין טורמע. פון דייטש: holen

דער אַדוואָקאַט זאָגט,
אַז איך קום פון די ספּראַווע לויז.

פון די ספּראַווע לויז —
דאָס קען גאָרנישט זיין!
גיכער קען זיך טרעפן,
אַז כ׳זאָל אַף אַ יורגע[1] גיין.

אַף אַ גרויסן וויראָק מוז איך גיין, —
ווי איז מיר, מיין וויראָק איז דאָך גרויס!
העלפן קען מיר נאָר גאָט אַליין,
אַז איך זאָל קומען לויז.

1908 (מלך ביין, וואַרשע).

XXXII

מ׳האָט מיך געהוילט, מ׳האָט מיך געהוילט,
ס׳איז געווען צווייע באַנאַכט,
די בעלפערס האָבן זיך נישט געפוילט
און האָבן באַ מיר אַן אָבלאַווע געמאַכט.

זיי האָבן געכיפּעטש[2] אין יעדן ווינקל
און זיי האָבן גאָרנישט געפונען,
נאָר ווייל איך בין אַן אַלטער בלאַטער
האָבן זיי מיך צוגענומען.

---

[1]) יורגע: אַן עיר־מקלט ווו דער פאַרמשפּטער דאַרף אָפּזיין אַ באַשטימטע צייט אַלס שטראָף פאַרן פאַרבר־עכן.

[2]) געזוכט, רעווידירט. (העבר׳ חפּוש).

מ׳האָט מיך אַף אַ פּאָזנאַניע[1] געשטעלט,
און אַ שטימפּ[2] קנייסט[3] מיר אין די אויגן.
מ׳האָט אים באַלעקעכט[4] טשוכעס[5] און געלט,
האָט ער מיך אַף־לינק[6] צוגעצויגן.

אַזוי צענטעווע איך, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס,
גאָט ווייס ווען איך וועל לויז־גיין[7],
איך טרייסט מיך כאָטש מיט דעם,
וואָס מיין כלה ברענגט מיר וואַלווקעס[8] אין פּאַוויאַק אריין.

1909 (ווארשע).

XXXIII

דאָנערשטיק אינדערפרי בין איך מיר אין גאַס אַרויסגעגאַנגען,
און כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג,
אינדעם האָב איך אַ מאַסעמאַטן לעווירט[9],
איז געווען צו מיר אַ קלאָג.

ווי מיינע שותפים זענען געגאַנגען די טיר אויפנאַלן[10],
פראָנט ציגלאַנע גאַס,

---

[1]) שטעלן אַף אַ פּאזנאַניע — שטעלן דעם גנב פאַר דעם געליטענעם פאַרשוין, כדי יענער זאָל דערקענען, צי דאָס איז דער זעלבער. פּויליש: poznanie.

[2]) שטימפּ: דער געליטענער פון דער גנבה.

[3]) קנייסן: קוקן,

[4]) באַגאַנוועט.

[5]) טשוכעס: וועש־זאַכן און קליידערוואַרק. (פון רוסיש чуха: נאַרישקייט).

[6]) אַף־לינק: אַף פאַלש, אַף אומשולדיק.

[7]) לויז־גיין: פריי ווערן פון תפיסה.

[8]) וואַלווקע: דאָס עסן, וואָס מען ברענגט פאַרן אַרעסטאַנט אין תפיסה.

[9]) לעווירן: נאָכשפּירן, נאָכקוקן. (פון העבר׳ לויה—באַלייטן).

[10]) אויפנאַלן: אויפמאַכן, אויפברעכן.

אינדעם האָבן מיך צוויי בעלפערס לעווירט,
און זיי האָבן מיך באַלד דערקנייסט[1].

כ'האָב געמיינט, אַז דאָס מאַסעמאַטן
ליגט אין טויער אָדער אין הויז,
צום סוף זענען מיינע שותפים פּליטה געגאַנגען,
יאָסל-בענקאַט האָט מען נישט געלאָזט אַרויס.

אַזוי ווי מ'האָט מיך נאָר אין צווייטן חדר אַריינגעפירט,
דאָרט, וווּ די קאַסע שטייט,
האָבּ איך מיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר זייטן,
בין איך געבליבן פאַרדרייט.

אינדעם האָב איך געהערט אַ געוואַלד און אַ געשריי:
געוואַלט! מ'האָט באַגאַנוועט אַ ייִד!"
צי מיינט עך, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אין הימל,
מיט אַזאַ אומגליק זאָל מען ווערן באַהיט.

1910 (יצחק אַ ל ט מ אַ ן, וואַרשע).

XXXIV

אַף די פּעטערבורגער שטראַסע,
דאָרטן שטייען מענטשן אַ מאַסע, —
מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן, —
יעטוועדער מיט אַ פּעקל אין האַנט.

אוי, זיפצן, אוי זיפצן,
טוט מען דאָרט הערן פון אַלע זייטן.
איין גאָט אין הימל ווייס,
צי מיין זון וועט נישט אַוועקגיין אין קייטן.

---

[1]) דערקנייסן: באַמערקן, דערזען.

פאַרשיקן וועט מען אים אין אַ ווייטן קאַנט
כאָטשיק ער האָט קיין מענטשן נישט געטון טייטן.
אוי, זיפצן, אוי, זיפצן
טוט מען דאָרט הערן פון אַלע זייטן.

פלוצלונג ווערט אַ גערודער:
מענטשן רוקט אייך אָפּ אין אַ זייט:
די קאַרעטע פאָרט שוין ווידער,
די אַרעסטאַנטן זענען שוין פאָרגעברייט.

מיט אַ שווייס אַ נאַסן
זענען די עלטערן געוואָרן באַגאָסן,
ווען מ'האָט זייער זון אין די קאַרעטע פאַרמאַכט,
אין דעם זבאָרנע-פונקט[1] אַריין געבראַכט.

1907 (אברהם שטיינבערג, ווארשע).

XXXV

ליבע כלה, איך שרייב צו דיר,
גיי טריי און הער מיך אויס:
אַ גוטן אַדוואָקאַט שטעל מיר,
אַז איך זאָל קומען פון פּאַוויאַק לויז.

וויטיש וויל איך שוין ווערן,
וויטיש, מיט די לקיחה[2] אויס, —
גאַנווענען וועל איך שוין אויפהערן,
אַז איך וועל קומען פון די ספּראַווע לויז.

1908 (ווארשע).

---

1) זאמל-אָרט פונוואַנען די אַרעסטאַנטן ווערן צעשיקט אין פאַרשידענע שטעט.
2) לקיחה: גנבה.

XXXVI

אוי, מיין הארץ קלאפט.



I

אוי, מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר, —
אוי, די לאַפּעצעס[1] קלאַפּן האַסטיק ביי מיין טיר.

זיי קומען אַריין פון די הוילע ווענט,
גלייך מיט די אויגן צו מיר אַקייגן.

איך ווייס נישט, וואָס און ווען
וואָס מיט מיר ספּאַסירן קען.

---

[1]) אַגענטן פון קרימינאַל-פּאָליציי.

אוי מיינע כחות גייען מיר אויס, —
איך שרעק, איך שרעק, איך האַלט עס נישט אויס.

2

ווי די לאַפּעצעס קומען אַריין צו מיר אין שטוב,
זיי געפֿונען די שאָריע[1] אַף אַ הויף אין אַ גרוב.

זיי נעמען די שליסלען פֿון מיין פאַרמעגן,
זיי טון שוין מיך גאָרנישט פֿרעגן.

זיי נישטערן אַלע שיפֿלאָדן אָן אַ שיער,
און זיי שרייבן אַלץ אַף אַ בויגן פּאַפּיר.

זיי נישטערן די שאָריע דורכאויס, —
איך שרעק, איך שרעק, איך האַלט עס נישט אויס.

3

ווייל איך אַנטלויפן, קערט מען מיך צוריק: —
גוטער-ברודער, קום מיט אונדז מיט.

מ׳זעצט מיך אַריין אין אַ פאַרמאַכטע פֿור,
דריי דראַגונער הינטער מיר.

גלייך אין פאַוויאַק אַריין געבראַכט,
טיר און טויער פֿאַרמאַכט.

פֿון דעם פענצטערל קוק איך אַרויס, —
איך שרעק, איך שרעק, איך האַלט עס נישט אויס.

4

אוי, טוט מען מיך פֿירן אַף די מעד-גאַס אַרויס,
לויפֿן מענטשן זעען, ווי איך ווייז אויס.

דאָס פּנים רויט, די ליפּן בלאָ, —
צו מיין סאָנדזעניע[2] איז נאָך אַ האַלבע שעה.

---

1) שאָריע: די געגאַנ׳וועטע זאַכן.

2) פּויליש: משפּט, פּסק-דין.

די זון מיט די לבנה וואָס איך זע,
די פרייע לופט — אַטיע, אַטיע.

איך צייל די מינוט, די שעה איז גרויס, —
איך שרעק, איך שרעק איך האַלט עס נישט אויס.

5

ווי מ׳האָט מיך נאָר אונטערן ברעטל אין סאָנד אַרונטערגעשטעלט,
דער פּראָקוראָר אַקייגן מיר געשטעלט.

און דער אַדוואָקאַט לעבן מיר,
און דער שטימפּ האַקט אַלץ אַף מיר.

איך שטיי הינטערן ברעטל מיט גרויס שרעק,
מ׳זאָל מיך נישט שיקן קיין פּאָשילעניע[1] אַוועק.

וואָרן דער גראַביאָזש[2] איז זייער גרויס, —
איך שרעק, איך שרעק, איך האַלט עס נישט אויס.

6

ווי מ׳האָט מיך אַף די קאָליע[3] אַרויפגעזעצט,
האָב איך מיט טרערן מיינע אַרעסטאַנטסקע קליידער באַנעצט.

די קאָליע האָט געגעבן דעם ערשטן פייף,
אַזוי האָט מיר געגעבן אַ ריס אין מיין לייב.

אך! בלייבט געזונט, מיין ווייב און קינד, —
מיר איז ווי און אייך איז ווינד.

בלייבט געזונט, מיינע שוועסטער און ברידער, —
ווער ווייסט אויב מ׳וועט זיך שוין זען ווידער.

1904 (משה לינדער ווארשע).

[1]) רוסיש: דאָס פאַרשיקן אין אַ ווייט אָרט.
[2]) רוסיש: רויב.
[3]) פּויליש kolej: צוג פון דער אייזנבאַן.

XXXVII

אוי באלד וועל איך.



אוי, באַלד וועל איך מיין האַלדז איינציען,
כ׳וועל בלייבן הענגען אַף אַ שטריק.
הערטס אויס, מיינע אַלע גוטע-ברידער,
פון מיר יאָסל-בענקאַט אַ ליד[1]
bis

אַזוי ווי כ׳בין נאָר געבוירן געוואָרן,
בין איך געוועזן בא מיינע עלטערן אין די היים, —
איז אַראָפּ אַף מיר פון גאָט אַ צאָרן:
אַ גנב אַ גנב, זאָל איך זיין.
bis

אַזוי ווי כ׳בין נאָר אַ גנב געוואָרן,
בין איך אַלט געוועזן צען אין עלפטן יאָר.
אין די פינצטערע תפיסות האָב איך מיך אויפגעצויגן,
כ׳בין אַלט געוואָרן איינאונצוואָנציק יאָר.
bis

---

[1] וואַריאַנט—פנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום״ V (ביי אונז יודען).

אין די פינצטערע תפיסות בין איך געזעסן,
צווישן קראַטן, צווישן אייזערנע טיר.
אין דעם לעבעדיקן קבר בין איך געלעגן,
די ליבע פרײַ — זי איז פאַרשטעלט פאַר מיר
bis

קאַנוואָיען מיט די בלאַנקע שווערדן, —
דער עטאַפּ ער איז שוין פאַר מיר אָנגעגרייט:
דאָ נעמט מען מיך אָן באַ מיין טייערע האַנט
און מ'שליסט מיך ווי אַ הונט אַף די קייט.
bis

דער עטאַפּ—ער איז שוין אָפּגעפאָרן,
עטלעכע טעג דורכגעאַנד.
וויפל צענערדיקע בריוו כהאָב צו מיינע עלטערן געטון שרייבן,
אַז איך בלייב אַן אייביקער אַרעסטאַנט!
bis

ווען כ'בין קיין סיביר אַריינגעקומען,
אַפן פרייען פעלד האָט מען מיך געלאָזט שטיין.
אוי, צום וואַנדערן האָב איך מיך גענומען,
ווייל כ'בין געווען עלנט אַליין.
bis

כ'בין מיט מזל קיין וואַרשע געקומען, —
אַף דעם אומגליק האָב איך מיך גאָרנישט געראַכט [גערעכט]:
אין ביורע-שלעדסטווע[1] האָט מען מיך אַריינגענומען,
אַ ספּראַווע אַף-לינק האָט מען מיר געמאַכט.
bis

1907 (שמואל שטאַרק, וואַרשע).

[1]) אויספאָרשונגס-אַמט.

XXXVIII

שלום-זעליק איז געגאַנגען זיצן,
אַזוי איז ער געבליבן ווייס ווי די וואַנט.
ער גייט זיך לייגן נאַכט ביי נאַכט,
ער שטייט אויף דער אייגענער אַרעסטאַנט.

— וואָס איז דען מיין געלעגער? —
אַ שעניק מיט אַ ראַזעוואַנע קאָלדרע;
ס'איז נישטאָ קיין קישן און קיין פעדער,
דאָס הייסט קרימענאַלסקע געלעגר.

וואָס איז דען מיין עסן? —
אַ שטיקל ראַזעוואַנע ברויט.
מיט פיל טרערן טו איך עס באַנעצן.
אוי, זיסער גאָט, שיק שוין דעם טויט!

איך לייג מיך אַף דעם האַרטן שעניק אַנידער,
אַזוי טוט מיר ווי יעדער ביין.
איך ליג און קלער מיר איבער,
ווען וועל איך שוין קומען אַהיים.

איך הייב מיך אויף אינדערפרי,
אַזוי קוק איך פון פענצטער אַרויס,
זע איך ווי אַלע מענטשן גייען,
און איך מוז ליגן אין קרימינאַלסקען הויז.

1904 (נחמיה ווייסבראָד, ראָדעם).

XXXIX

אך און ווצה און ביטער



אָך און וויי און ביטער
איז דאָס לעבן פון דעם גוב:
דורך יעדער ווײַלע שטעלט ער אויף זיין קאָפ.
אוי-וויי!

עס יאָגן אים די יאָלדן,
די מענטעס, די שמירערס [וועכטער],
דער מקום [תפיסה] יאָגט פון אים די פריי ארויס.
אוי-וויי![1]

ווי ער טוט זיך ווענדן
און ווי ער טוט זיך קערן,
שרייען אַלע: „וואָרא נאַדאָ ביטש!"[2]
אוי-וויי!

---

1) וואַריאַנט— פנחס גראַובאַרד געזאַנגען פון תהום LXXIII (בײַ אונז יודען).

2) דעם גנב דאַרף מען שלאָגן.

ער כאַפּט אַ שײנעם שוכער
און דאַצו אַ טויטן-הרג [טויט-קלאַפּ], —
פאַרבײסן פאַרבײסט ער מיט זײן קיטש [טורמע].

אַזוי ווי ער קומט אין תּפיסה,
מאַכט ער זיך אַ נדר,
אַז גאַנוועגען זאָל ער מער נישט גײן.
אוי-וויי!
אַזוי ווי ער קומט אַף די פרײ אַרויס,
זעט ער דעם ערשטן מאַסעמאַטן,
דעם שאַבער האַלט ער גלײך אָנגעגרײט.
אוי-וויי!

1903 (וואַרשע).

XL

פאַר מײן כּלה שרײב איך
דעם לאַנגן בריוו גאָר
אין די קאַלטע לענדער שיקט מען מיך,
אַ יורגע האָב איך אַף דרײ יאָר.

אוי, אַ יורגע, אוי, אַ יורגע:
ווער קען דאָס וואָרט גאָר פאַרשטײן!
אומגליקלעך איז דער גנב,
וואָס ער דאַרף אַף אַ יורגע גײן.

שלעכט און ביטער איז דער וועג,
שלעפּסט זיך אַרום אין היצן, רעגנס און קעלט,
ביז דו קומסט שוין אַף דעם אָרט,
ווי ביטער, אורקע[1] איז דײן וועלט.

[1]) אורקע: אַ גנב.

ווערסט לינק[1], גייסט פליטה צוריק אין שטאָט אריין,
ביזט שוין לויז, זאָל דיר זיין מיט גליק!
אַ בעלפער גרײַפט דיך צו אין קיטש אַריין,
און דו גייסט שוין אַף אַ יורגע צוריק.

פאַר אַן אורקע איז פיל בעסער,
ווען ער ווערט נאָר פאַרשיט,
אַז זיין וויראָק זאָל זיין וואָס גרעסער, —
נאָר אַף קיין יורגע גיין זאָל ער נישט.

מיין טײַערע כלה פרײַדל,
איך שרייב דיר דעם בריף אַליין:
אויב דו ביזט מיר אַ געטריי מיידל
זאָלסטו באַ מיין ספּראַווע זיין.

ראַטעווע מיך אַרויס פון די זומפּ:
כ׳וויל אין קיטש שוין מיין נישט זיצן,
למען-השם רעד מיט דעם שטימפּ,
ער זאָל מיך באַ די ספּראַווע אָפּפּיצן.

באַ דעם ראַף[2] זאָלסטו זיך פלייסן:
גיב אים געלט, מיין טייער לעבן, —
דעם שלעכטן פּראָטאָקאָל זאָל ער צערייסן,
אַ גוטע ספּראַווקע זאָל ער מיר געבן.

צו די בעלפּערס זאָלסטו גיין, —
גיי מיט געלט, מיין טייערע מאַניע,
סם-זיי-אָפּ[3], וועט בעסער זיין,
מ׳זאָל מיר נישט מאַכן קיין פּאָזנאַניע.

---

[1]) לינק-ווערן: אַנטלויפן.

[2]) ראַף [רב]: רעווירנאָווע, פּאָליציי עלצטער פון אַ שטאָט רעוויר.

[3]) סמען, אָפּסמען: אײַנטערקויפן מיט געלט.

גיי טו אַלעס ווי איך שרייב דיר, —
ווּעסטו זעען, איך שרייב דיר פּאָראויס, —
אַז גאָט אין הימל וועט מיר העלפן,
און איך וועל קומען פון די ספּראַווע לויז.

1910 (משה גריגבערג, וואַרשע).

XLI

איך שרייב דיר, מיין כלה, איך שרייב דיר, מיין לעבן, —
דורך די אייזערנע קראַטן אַ כּתיבה [בריף] וואַרף איך דיר,
פאַרוויקלט אַ קנויל מיט די כּתיבה טוט קלעבן[1]:
אָן ענטפער האָסטו דאָרט פון מיר.

ווי איך לעב אין קיטש, שרייב איך דיר אויס;
ווי איך שלאָף און וואָס איך עס:
מיין ווייך בעט איז די האָלצערנע נאַרע
אָן אַ קישן, זאָגט מען, אורקע, פאַרגעס.

איך עס און טרינק און גיי שפּאַצירן,
אַהין און צוריק אין שטיבל, ס'איז מיר גוט.
דער קאָנוואָי טוט מיך אַפן שפּאַציר פירן
יעדן יום [טאָג] נאָר אַף פינף מינוט.

אַזוי צענטעווע איך כסדר אויס מיין וויראָק, —
ס'איז נישטאָ קיין עצה, —
אין אַרעסטאַנטסקע קליידער, אַ גאָלן קאָפּ,
און אַ לאַטע אַף די פּלייצע.

1910 (וואַרשע).

---

[1]) די כּתיבה ווערט איינגעקנאָטן אין ראַזאָווע-ברויט, אויסגעאַרבעט קיי-לעכדיק ווי אַ פּילקע, און אַזויאַרומער ווערט זי דורך די קראַטן אַראָפּגעוואָרפן.

די ערשטע נאכט.



אוי, די ערשטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט:
כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס אומגליק איז אַ גליק...
איך ליג מיר אַף די נאַרע
און קוועטש מיר אָפּ מיינע ביינער די דאַרע.
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר! (bis)

אוי, די צווייטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט:
כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס אומגליק איז אַ גליק...
כ׳שיק אַהיים צו מיין מוטער אַ בריוועלע,
מ׳טוט מיר אָן ס׳אַרעסטאַנטסקע שטיוועלע [אָדער:
מונדירעלע].
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר. (bis)

אוי, די דריטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט:
כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס אומגליק איז אַ גליק...
מיין מאַמעליו זאָל דאָס וויסן, (
אַז איך ליג אָן אַ קישן! bis (
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר! (

1911 (אברהם מליגאַזש, וואַרשע).

XLIII

דאָס האַרץ האָט מיר נעכטן געקלאַפּט,
אַז כ׳זאָל אין גאַס אַריין נישט גיין, —
וואָס איז געווען דער סוף:
כ׳בין געקומען אין פּאַוויאַק אַריין.

כ׳בין געוואָרן פאַרשיט
באַ אַן אייזערנעם אָזנער[1] גאָר.
כ׳וועל צענטעווען אַף-גוט
אין קיטש עטלעכע יאָר.

צום פאַרדינען האָב איך נישט קיין גליק,
אַנישט זאָל איך פוילן, —
ווי כ׳ריר מיך צו, ווער איך פאַרשיט,
און מ׳טוט מיך באַלד הוילן.

1911 (דוד פשעפיורקע, וואַרשע).

---

[1]) אייזערנער אָזנער: שוואַרצער טאַשן-זייגער.

XLIV

אוי, פיהרטן פיהרט מען מיך



אוי, פירן פירט מען מיך אַף די גאַס,
די הענט געקאָוועט מיט אַ שלאָס. (bis)
אַך, מיינע אויגן זיי זענען מיר פינצטער, (bis
און מיין פּנים פון טרערן נאַס. (

זיצן זיץ איך מיר אַף דעם פענצטערל
און קוק אַראָפּ אַף די פּאַווע גאַס. (bis)
אוי, דורך אַזאַ קליין קיסעלע[1] (bis
זאָל איך זיצן אין סעקרעטנע שלאָס.[2] (

אוי, ליגן ליג איך מיר אַף די נאַרע,
גיט דער קלוטשניק באַ די טיר אַ קלאַפּ, — (bis)
אָך און ווי צו מיינע יאָר! — (bis
אַזוי גיב איך מיך פון די נאַרע אַ כאַפּ: (

דער קלוטשניק גיט באַ די טיר אַ קלאַפּ, —
אַזוי גיב איך מיך פון די נאַרע אַ כאַפּ. (bis)

---

[1]) פון העברעיש כּ״ס. — דער דימינ׳ איז דאָ משמע: מיט ווייניק גלאַט.

[2]) ד״ה אין אַ ספּעציעלער קאַמער, וואָס איז באַצייכנט אַלס „געהיימע״ צו האַלטן דאָרט באַזונדערס וויכטיקע פאַרברעכער. — רוס׳ секретный.

אין מיינע אויגן איז אָך און וויי, — } bis
דער קלוטשניק שרייט: „סקאַרעי ווסטאַוואַי!“[1] } bis

אוי, פירן פירט מען מיך צום שלעדאָוואַטעלס טיר, —
שטייט אַ פּרייַערל[2] און ווייזט אָן אַף מיר. (bis)
צו מיינע יאָרן איז אָך און וויי, — } bis
דער שלעדאָוואַטעל שרייט: „סקאַרעי פּשיזנאַי“[3]. } bis

1915 (יוסף יאַנקעלעוויטש [יאַנעק], וואַרשע).

XLV

דער בלאַטער-יונג[4] איז אַף די פּרייַ,
האָט ער צופיל גוטע-ברידער
ווער ס'גייט פאַר אים פאַרביי,
שטעלט זיך מיט אים אַנידער.

דער גוטער-ברודער שטייט מיט אים,
מיט די גוטע רייד, —
קיין טרונק בראָנפן גיט ער אים נישט,
ס'איז קיין קלייניקייט.

כ'קוק מיר אַרויס דורך דעם שליסל-לאָך:
כ'וויל הערן מיינע שטימען, —
איך זיץ שוין דאָ אַ גאַנצע וואָך,
איך זע קיינעם נישט קומען.

---

1) „שטייַ גיכער אויף“.

2) פּרייער, פּרייערל: אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער גנבים-וועלט.

3) „זייַ זיך גיכער מודה“.

4) בלאַטער-יונג: אַ גנב. — אין המון איז בלאַטער-יונג דער פּשט: נישט קיין גאַנץ פרומער, אַ כל-בוניק, אַ נאַש-בראַט, אַזעלכער מיט וועלכן מ'קען אַלץ מאַכן.

באַפּעל איך באַלד
מ'זאָל נאָכן גוטן-ברודער גיין, —
באַפעלט דער גוטער-ברודער,
ער וועט שפּעטער באַ מיר זיין.

זאָגט זיך דער גוטער-ברודער:
„וואָס זאָל זיין זיינע פּאַטשטן?
כ'וויל צו אים אין קרימינאַל גיין,
וועט מיך אַ פּאָר פּייעם קאָסטן".

רבונו-של-עולם,
ס'איז שוין קיין גוטער-ברודער אַף די וועלט נישטאָ!
זיי מעגן אַלע פאַרכאַפּט ווערן,
אַלע אין איין שעה!

רבונו-של-עולם, כ'בעט דיך,
דו זאָלסט מיינע זינד נישט געדענקען:
ווען מ'וועט מיך אָפּשיקן אין סאָנד-קרימינאַל,
זאָלסטו מיר ב'וויראָק שענקען.

רבונו-של-עולם, כ'בעט דיך,
דו זאָלסט מיינע זינד פאַרגעסן:
זאָלסט אַראָפּשיקן אַ פייער פון הימל,
עס זאָל די גאַנצע קרימינאַל פאַרברענען.

מ'גיט מיר אַ שטיבעלע,
פענצטער מיט אייזערנע קראַטן.
דאָס איז דאָך, נעבעך, די צרה,
וואָס מ'פאָלגט נישט קיין טאַטן.

1906 (נחמיה ווייסבראָד, ראַדעם).

XLVI

גוטע-ברידער, אורקעס און בלאַטע,
מיין ליד הערט נאָר אויס:
כ׳בין געוואָרן פאַרשיט באַ אַ מאַסעמאַטן,
מיין אומגליק איז זייער גרויס.

מ׳האָט מיר געקיישערט[1] הענט און פיס,
מיינע קייטן קלינגען הער איך באַלד.
דעם זאַקאָן האָב איך געוווסט:
איך גיי אַוועק ווו ס׳איז קאַלט.

אין דעם עק וועלט
וועל איך פאַרשיקט ווערן,
דאָרט קען מען נישט לעקעכן, נישט פאַרדינען קיין געלט, –
מ׳איז ריזיקירט צו די ווייסע בערן.

און דער ראַף האַלט דיך אַפן אויג,
קומען מוזטו אַפן ווונק,
זיין יעדן צווייטן טאָג,
קענסט נישט ווערן לינק.

איך האָב אָבער ריזיקירט,
כ׳בין פון די קאַלטע לענדער אָפּגעצויגן, –
האָט מען מיך איינגעצענטעוועט,
און כ׳זע שוין נישט די פרייַ פאַר מיינע אויגן.

1909 (וואַרשע).

---

[1] קיישערן: שליסן אין קייטן (פון העבר׳ קשר).

XLVII

איך געה מיר ארויס



1

איך גיי מיר אַרויס
איינער אליין אַף דעם וועג, —
פינצטער די נאַכט,
איך זע קיין וועג און קיין שנעג.[1]

אוי, כ'הער זיך איין,
ווי די פייגעלעך זינגען, —
bis **אוי, כ'הער דעם רעש**
פון מיינע קייטן קלינגען.

---

[1]) וואַריאַנט — פנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום" CII (ביי אונז יודען).

2

אַף דעם הויכן גאָרן
מיט די געמויערטע שטיינער.
אַנטלאָפן בין איך,
ס'זאָל נישט זען קיינער.

ס'זאָל נישט זען קיינער,
נישט הערן מיינע טריט...
איך לויף און לויף, (bis
ס'איז מיר נישט גוט. (bis

3

די שטערן רעדן
איינער צו דעם צווייטן,
די לבנה טוט מיך
אומעטום באַלייטן,

פּלוצלונג הער איך,
ווי מ'גיט אַ געשריי: „סטאָי!"
דאָס איז געווען (bis
דער שלעכטער טשאַסאָוואָי. (bis

4

אוי, יעצט בין איך
נאָכאַמאָל פאַרשיט;
מ'האָט דערהערט
מיינע שווערע טריט.

צו גיין לינק
וועט מיר נישט געלינגען,
ווייל מ'הערט (bis
מיינע קייטן קלינגען. (bis

1905

(אסתר טשיטאַרסקע, לאָדז).

XLVII.

אוי, שוין היינט אַ יאָהר.



אוי, שוין היינט אַ יאָר, אַז כ׳בין פון מיין היים אַוועק, אוי-ווי!
און בלאָנקען בלאָנקע׳ך זיך אַרום ווי אַ שעפּעלע אין פעלד, אוי-ווי!
אוי, גאָט, דו זיסער, כ׳האָב שוין נישט קיין כח אַרומצוגיין,
איך קען שוין קיינמאָל נישט קומען צו קיין צוועק.

אוי, דו מוטשעסט מיך שוין, גאָטעניו, דאָס ניינטע יאָר, אוי-ווי!
דורך וועלדער און סטעפּעס האָסטו מיך געטריבן אין שרעק, אוי-ווי!
אוי, גאָט, דו זיסער, כ׳האָב שוין נישט קיין כח אַרומצוגיין,
און כ׳קען קיינמאָל נישט קומען צו קיין ברעג.

צו קיין ברעג קען איך שוין נישט קומען, אוי-ווי!
און טויט בין איך שוין ווי אַ מת, אוי-ווי!

ווּיפל שטעט מיט גובערניעס איך בין אויסגעפאָרן,
און צום סוף בין איך אָנגעקומען קיין אַדעס.

קיין אַדעס בין איך אָנגעקומען זומער צייט, אוי־ווײ!
מיט גוטע־ברידערלעך האָב איך זיך דאָרט באַקנט, אוי־ווײ!
היינט, אַז איך גיי אַרום נאַקעט און באָרוועס. —
ס'שטייט זיי שוין נישט אָן מיר צו געבן די האַנט.

אוי, אַז איך בין פון מיין היים אַוועקגעפאָרן, אוי־ווײ!
געפאָרן בין איך מיט דריי הונדערט רובל געלט, אוי־ווײ!
מיינע עלטערן האָב איך דערקערצט די יאָרן.
אוי, דערפאַר קען איך נישט וויסן פון קיין וועלט.

אוי, די באַנק פון מיין געלט איז געווען אין גיבנערס הויף, אוי־ווײ!
מיט צוויי שוועסטערלעך האָב איך זיך באַקאַנט, אוי־ווײ!
מיינע כּחות מיט מיינע קרעפטן האָבן זיי פון מיר אַרויסגעצויגן,
און דערפאַר קען איך נישט קומען אין מיין פאָטערלאַנד.

אוי, מיינע כּחות האָבן זיי פון מיר אַרויסגעצויגן, אוי־ווײ!
איך גיי אַרום שטענדיק און קלאָג און וויין, אוי־ווײ!
איין גוטער־ברודער פלעגט מיר שטענדיק זאָגן:
„אוי, פאָר שוין, יאַנקל־לעב, צו דיין עלטערן אַהיים".

ווי אַזוי קען איך צו מיינע עלטערן אַהיימגעפאָרן, אוי־ווײ!
איך ווייס, אַז ס'וועט מיך צוריק אַהערטרייבן, אוי־ווײ!
מיינע עלטערן וועלן מיך שוין נישט דערקענען,
טויט־חלשות וועלן זיי בלייבן.

מיינע עלטערן וועלן מיך באַלד פרעגן, אוי־ווײ!
„אוי, יאַנקעניו, ווו איז דיינע קליידער מיט דיין געלט, אוי־ווײ!
דו האָסט אַוועקגעוואָרפן אַזוי אַ טייערע היים,
און דו האָסט דיך געלאָזט פאָרן אין די וועלט.

באַ מיינע עלטערן בין איך געווען טייער, אוי־ווײ!
אוי, אַזוי ווי באַ איינעם וואָס האָט אַ מיליאָן געלט, אוי־ווײ!
מסתם איז מיר באַ גאָט אַזוי אָנגעצייכנט געוואָרן,
אַז איך זאָל נישט וויסן פון קיין וועלט.

1907 (שרה רויטער ריוועץ, כעלמ׳ קרייז).

XLIX

מיט די טאַטשקע, אוי, די טאַטשקע
און די לאָפּעטע אין די האַנט,
מיט דעם, דו וויסטער קאַטאָרזשניק,
מוזטו יעצט ווערן באַקאַנט.

גראָבן גאָלד, גראָבן ערד
און גישט ווערן מיד.
גראָב! צו לעבן ביזטו נישט ווערט,
דו האָסט פאַרגאָסן מענטשן בלוט.

די זון ברענט מיט סכנות,
און איך גראָב די ערד געשווינד, —
קיינער האָט גאָר קיין רחמנות,
איך לעב נאָך ערגער ווי אַ הונט.

די קאָנוואָיען יאָגן מיך,
קיין מיטלייד האָבן זיי נישט
און מיר קאַטאָרזשניק: כ׳בין אַ מערדער,
כ׳האָב פאַרגאָסן מענטשן בלוט.

1910 (שעדלעץ).

L

אוי, פירן פירט מען מיך אַף די גאַס,
מ׳הערט דאָך שרייען אַלע:
– „דאָס איז דער מערדער, וואָס האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט,
ער האָט אונדז באַרויבט אַלע!“

אוי, ווי איז מיר!
פינצטער איז מיר מיין וועלט!
וואָס איך האָב געטון מענטשן באַרויבן
און פאַרשפילט אין קאָרטן דאָס געלט.

מ׳שרייט אַף מיר: „מערדער, באַנדיט!
האָסט באַרויבט מענטשן אַ וועלט,
געקוילעט מענטשן און קינדער פון די וויגן
און אַלע פראָסטיטוטקעס אװעקגעגעבן דאָס געלט.

היינט איז געקומען אַף דיר אַ סוף,
מ׳פירט דיך געקאָוועט איבער די גאַס, –
הענגען וועט מען דיך באַלד
אין זאַקראַטשימסקן וואַלד“.

רופטס אַריין דעם רבין,
איך וויל די ודוי זאָגן:
איך האָב באַ קיינעם נישט ראַבירט, –
דאָס טו איך דעם אמת זאָגן.

אומשולדיק גיי איך פון די וועלט
דורך מענטשנס מיילער,
הענגען וועט מען מיך באַלד
אין זאַקראַטשימסקן וואַלד.

געוועזן בין איך נאָר אַ גנב,
אָבער נישט קיין באַנדיט:
כ'האָב נישט געטון קיין רציחות,
נישט געטון פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט.

הענגען, אוי, הענגט מיך נישט,
הערטס אויס מיין פריקאַז:
איר גייט מיך הענגען אומשולדיק,
אוי, אין מיטן די גאַס.

ברידער און שוועסטער,
איך געזעגן מיך מיט אייך אַלע,
אַ גריסקע זאָלט איר געבן
מיין טייערע געליבטע כּלה.

אוי, איך אהרן וויעסט,
געשטאָרבן בין איך אַ העלד!
אוי, און אומשולדיק
צו גיין אַף יענער וועלט...

1906 (ש"מה ראָטענבערג, וואַרשע).

LI

ליג איך מיר אין מיטן וואַלד,
הער איך ווי די פייגעלעך זינגען, —
אוי, פּלוצלונג הער איך אַ קלאַנג
פון מיינע קייטן קלינגען.

איידער צו גיין
קאַטאָרזשינע ראַבאָטע,
איז שוין גלייכער
צו שטאַרבן אין די ראָטע.

1911 (אסתר טשיטאַרסקע, לאָדז).

LII

כ'בין געווארען אַ מאַרוויכער.



כ'בין געוואָרן אַ מאַרוויכער,
כ'בין געגאַנגען סראָקן[1], —
כ'האָב איבערגעלאָזט מיין שותף,
כ'בין פליטה געגאַנגען אין די זאָקן.

ס'איז געוואָרן נאַכט,
כ'האָב זיך נישט באַטראַכט,
אַ יאָמער און אַ קלאָג,
אין פענצטער איז געוואָרן אַ לאָך.

(צוזינג).

(דוד בירנבוים, ווארשע). 1923

[1]) סראָקן: שפילן אין קאָרטן.

LIII

וואָס בין איך פון טורמע אַנטלאָפן,
אַז איך בין אין די קייטן געשלאָסן!
אין קען מיך פון זיי נישט באַפרייען, —
פאַרוואָס האָט מיך די קויל נישט דערשאָסן!

איך בלאָנדזשע אַרום אין דעם וואַלד,
באַהאַלטן זיך בין איך געצוווּנגען,
ווייט פון מענטשן ווייט,
ווייל מיינע קייטן טון קלינגען.

1909 (פּלאָצק).

LIV

אוי, געבוירן בין איך אין צרות און אין ליידן.
אוי, אַזעלכע יסורים וואָס איך אַף זיך טראָג.
פאַרשטויסן בין איך גאַנץ ווייט פון פריידן, —
ס׳איז מיר נישט ליב דער איינציקער טאָג, יאָ טאָג.

אוי, דער האָפענונג טרייסט מיך איבער אַלעס,
און די כּחות גייען מיר שוין אויס.
אוי, יעדן טאָג זע איך אַן אַנדערן פאַלן,
און די צייט איז מיין מלאך־המות, יאָ מלאך־המות.

אוי, בענגען בענג איך שוין אַהיים:
דאָרטן טרעף איך מיין ערטעלע מיין רעכטס.
ווי לאַנג וועל איך זיין אַזוי נע־ונד,
און ס׳וועט מיר זיין אַזוי שלעכט, יאָ שלעכט.

אוי, גליק, דו ווילסט נישט מיין געבעט אויסהערן,
דו ליגסט פארלייגט אין דיין קוואטיר...
אוי, די שיינע לבנה מיט די טייערע שטערן,
דערציילט דעם טאטן דארט פון מיר, יאָ פון מיר.

ער זאָל האָבן אף מיר רחמנות,
ער זאָל נישט ברענגען אף מיר אזא נויט, —
ווי לאנג נאָך וועל איך זיין אין אזעלכע גרויסע סכנות
און וועל זיך דארפן מוטשן מיטן טויט, יאָ מיטן טויט.

אוי, עלנט בין איך אזוי ווי א שטיין
און פארוואָרפן אין א ווייט לאנד:
אוי, וועמעס בין איך און ווער איז דאָ מיין,
ווען קען איך קומען צו א שטאנד, יאָ צו א שטאנד.

אוי, די יונגע יאָרן מיינע זיי זענען פון מיר אוועק, —
אוי, און ווען קען איך קומען צו א שטאנד.
זיסער גאָט אין הימל, ברענג מיך צו א צוועק,
און לאָמיך שטארבן אין מיין פאָטערלאנד, יאָ פאָטערלאנד.

1912 (שרה רויטער, רייוועץ, כעלמ׳ קרייז).

LV

באקקערטס נאָר דעם גנב אף די וועלט:
אומגליקלעך איז ער אלעמאָל.
זייט אים נישט מקנא, ווען ער האָט א סך געלט,
ווייל צרות ליידט ער גאָר אָן א צאָל.

מ׳יאָגט אים, מ׳פלאָגט אים,
מ׳הארגעט און מ׳שלאָגט אים, —

באַ קיינעם האָט ער קיין ווערט.
שטעלט זיך פאָר זיין לאַגע,
ווען מ׳יאָגט אים, איז פאַר אים אַ פראַגע –
ווי זיין האַרץ קלאַפּט אין אים.

1910 (כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע).

LVI

1

אַ גנב איז אַן אומגליק אַף די וועלט:
צו וועמען ער פאַלט נאָר אַריין,
באַלעקעכט ער טשוכעס און געלט,
באַקעט לאָזט ער אים שטיין.

ווען דער שטימפּ קומט אָן,
און ער מאַכט אַ יעלה,
זיי אַ בלאַטער, ווייס וואָס דו האָסט צו טון, –
פאַר אַ האַכטלינג[1] אַנטלויפן אַלע.

2

די נשמה, ווען מ׳זאָל קענען,
דאַרף מען צונעמען פון אַ יאָלד.
די אָדערן זאָלן זיי ברענען,
זיי וואָלטן דעם בלאַטן געוואָלט

אַפילו אַף לינק איינצעוועטעווען אין קיטש, –
ס׳כאַפּט אַזש אָן אַ קעלט.
זאָגט, צי אַ גנב איז נישט
דער אומגליקלעכסטער אַף די וועלט.

1908 (וואַרשע).

---

[1]) האַכטלינג: אַ גרויס מעסער.

LVII

איך האָב שוין צוגעשווירן,
אַז כ׳וועל גאַנוועגען נישט גיין;
אַז כ׳וועל די ספּראַווע געווינען,
וועל איך שוין וויטיש זיין.

די ספּראַווע איז אויסגעקומען
אין ערב יום-כּפּור אין האַלבן טאָג,
ווען אַלע מענטשן צו כּל-נדרי גייען,
און מ׳וויינט און מ׳קלאָגט.

איך שטעל מיך אַנידער
מיט דעמזעלבן על-חטא [אַל כאַיט].
אוי, איך קלאַפּ זיך אין האַרצן אַריין
פֿאַר דעם אַלטן יאָר וואָס פֿאַרביי גייט.

אוי, רבונו-של-עולם,
כ׳האָב געזינדיקט פֿאַר דיר,
אוי, על-חטא,
מיט עבירות אָן אַ שיעור.

ס׳גייט אַ ניי יאָר
מיט אַ פֿרישן על-חטא, —
גאַנוועגען וועל איך גאָר
אָף דעם נייעם על-חטא.

דער טאָג איז אַריבער,
און ס׳שטעלט זיך מיר אַלעס פֿאָר
ווען כ׳בין אַ קליין קינד געווען,
דעם ערב יום-כּפּור.

מיין פֿאָטער דער גוטער —
ער פֿלעגט מיך אַלעמאָל בעטן:

„זיי אַ ייד, אַ פרומער און אַ גוטער,
„ווּעסטו דיר אַ גוט יאָר אויסבעטן".

די ווערטער טון אין מיינע אויערן קלינגען,
איך הער זיי אַצונד אַליין.
צוזאַמען אין טורמע טוט מען זינגען
דאָס ערב-יום-כפור-ליד מיט אַ געוויין.

די לידער — זיי זינגען
די קייטן — זיי קלינגען,
דער קאָפּ ווערט, אוי, דול.
פלוצלונג הערט מען אַ געשריי:
געוואַלט! אוי-וויי!
אַף פופצן יאָר איז דיין ציל.

1911 (כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע).

LVIII

אַז דער בלאַטער איז אַף די פריַי,
טוט ער עסן און טרינקען;
אַז ער קומט אין די וויענזשניע[1] אַריין,
טוט ער צו גאָט ווינקען.

אַז דער בלאַטער איז אַף די פריַי,
טוט ער אין דראָזשקעס אַרומפאָרן;
אַז ער קומט אין די וויענזשניע אַריין,
איז אַ קלאָג צו זיינע יאָרן.

---

[1]) פּויליש: תפיסה.

אַז דער בלאַטער איז אַף די פרײַ,
טוט ער שטאַרק גולאַיען[1];
אַז ער קומט אין די וויעַנזשניע אַריין,
טוט דער קלוטשניק אַף אים שרײַען.

אַז דער בלאַטער איז אַף די פרײַ,
טוט ער אין אין קאָרטן שפּילן;
אַז ער קומט אין די וויענזשניע אַריין,
מוז ער פּוצן די דיקן [פּאָדלאָגעס].

אַז דער בלאַטער קומט אין די וויענזשניע אַריין,
זעט ער, ווי ס'איז אַ קלאָג צו זיין פּנים:
דער קלוטשניק מיט די לאַפּעצעס
ווערן זיינע מחותּנים.

1909 (נח קובעל, וואַרשע).

LIX

אוי, אַ לעקאַך [גנב] איז גאָרנישט שלעכט:
מ'פרעסט, מ'זויפט, מ'האָט אַלצדינג.
נאָר איין חסרון איז פאַראַן:
וואָס מ'ווערט פאַרשיט אַף-לינק.

1910 (וואַרשע).

[1]) לעבן אַ גוטן טאָג. רוסיש гулять.

LX

וואַרשעווער קאַדיעטן.



וואַרשעווער קאַדיעטן[1]
זיי זענען ווילדע יינגען:
זיי האָבן אויסגעקליבן אַ סופּניק[2],
ער זאָל זיי לידער זינגען. אוי!

דער ערשטער פון די באַנדע —
ישראלעקל דער קליינער,
דער צווייטער פון די באַנדע —
נחומל דער שיינער. אוי!

דער דריטער פון די באַנדע
איז יאַנקל לאַפּטשיקטשאַק,

1) חברה־לייט, ווילדע־יינגען.
2) סופּניק: אַ אַלפאַס.

דער פֿאַרדער פון די באַנדע
איז משה קורע־לאַפּ. אוי!

ווי ס׳איז געוואָרן נאַכט,
זיצן זיי און טראַכט:
ווּעמען צו באַשניפּן[1]
די היינטיקע נאַכט. אוי!

ווי ס׳איז געוואָרן טאָג —
אַ יאָמער און אַ קלאָג,
אַ יאָמער און אַ בראָך:
אין פענצטער איז געוואָרן אַ לאָך. אוי!

מ׳גיט שוין צוואָנציק רובל
צו פֿאַררייבן, אוי, דאָס מעבל;
מ׳גיט שוין צוואָנציק ראַך
צו פֿאַררייבן, אוי, די זאַך. אוי!

כ׳בין אַ מאַרעוויכער,
כ׳האַנדל מיט די סקאָקן[2], —
כ׳האָב אָנגעבערעט[3] דעם ספּראַווניק
און דאַטקאָפּן אין די זאָקן. אוי!

אַז מקען נישט גאַנוועגען,
נעמט מען זיך נישט אונטער, —
און אַז מ׳קומט אין קיטש אַריין,
קרענקט מען אַ גאַנצן ווינטער. אוי!

1908 (אברהם אײַנווינער, לובלין).

---

1) באַגאַנווענען.
2) סקאָק: שטיב־גנבה, וואָס ווערט אויסגעפֿירט אין דער גיך מיטן שפּרונג.
3) אָפּגענאַרט.

LXI

שנעלער גיכער.



שנעלער, גיכער,
דו מאַרוויכער,
שטעק די האַנט אין טאַש אַריין.
שנעלער איצער,
דו פאַרטיצער,
זע ס׳זאָל דאָרט קיין שטימפּ נישט זיין[1].

1904 (וואַרשע).

LXI a (וואַריאַנט).

דו מאַרוויכער,
דו פאַרקריכער,
שטעק די האַנט אין טאַש אַריין, —
און דו פיצער,
דו פאַרטיצער,
זע קיין כאַ זאָל נישט זיין.

1924 (יצחק האָלצמאַן, וואַרשע).

[1]) וואַריאַנטן—פּנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום" XIX (בײַ אונז יודען); דער פנקס, ווילנע תרע״ב 389—390.

LXII

אהרן - גאָגע.



אהרן גאָגע, יצנקל הענטשקע-מאַכ ר
און סרולקע טאַפּעצירער —
זיי האָבן אַריינגעשטופּט דעם קליינעם לאַטעק,
זיי האָבן אים געגעבן אַ פּירער.

שאַ, שאַ
האָב נישט קיין מורא,
געב אַרויס
די בעסטע סחורה.

אַז מ׳וועט דיך פּאַקן,
זאָלסטו גיין;
אַז דו וועסט זאָגן די וואָרעט,
וועסטו גיין אַהיים.



אַז דו וועסט אַרויסגיין,
וועסטו גיין מיט אַ שטייגער:
דעם ערשטן פּאַטשאָנטיק
אַ גאָלדענעם זייגער.

1907 (משה סופּיט, וואַרשע).

LXIII

כ'בין א מארצעוויכער.



כ'בין אַ מאַרעוויכער [טאַשן-גנב].
צוועלף גייען מיר גיכער.
די פּאַרטיע[1] איינגאַנצן
טוט אַרויסטאַנצן[2]
אין גאַס פאַרדינען.
אינמיטן דאַרינען
קומט אַ יאָלד
און מאַכט אַ געוואַלד.

---

[1]) פּאַרטיע: גנבים גרופּע, וואָס גייט אַרום גאַנווענען בחבֿרותא.
[2]) אַרויסטאַנצן: אַרויסגיין אין גאַס אַריין גאַנווענען.

כ׳זע ס׳איז נישט גוט,
כ׳האַלט אינדערמיט.
כ׳זאַרגע אָפּ ס׳מאַסעמאַטן,
נאָר, אַ רוח אין זיין טאַטן! —
דעם יאָלדישן פרייער
קאָסט דאָס טייער:
מ׳האָט אים צוקיפּט גוט,
געיאָרגעט האָט ס׳יאָלדישע בלוט.

1906 (וואַרשע).

LXIV

1

כ׳פאָר אַף די באַן,
דאָרט איז פאַראַן
פּאַסאַזשירן אַלערליי.
כ׳בין נישט קיין יאָלד,
כוואָלט כאָטש געוואָלט
באַקלערן איינעם פון זיי.

וואָס אַ קאַיעם[1] איז:
ער האָט זיין כּיס
באַהאַלטן אין אַן עק.
כ׳האָב אים געטיצט,
דעם כּיס האָב איך איצט —
פאַרדינט באַ פינף מינוט טויט-שרעק.

---

[1]) קאַיעם: אַ ייד. (פון העבר׳ קים).

2

א גנב צו זיין,
דארף מען פארשטיין,
איז גאָרנישט אזוי שלעכט.
מ׳דארף זיין א יונג,
פארשטיין אפן ווינק,
איז שוין גלעס רעכט.

אז דער מליץ וויל צו גרייפן,
ער וויל פייפן,
מיינסטו ס׳איז שוין דיין עק, —
שטיפ אונטער קעז[1], גיב א ווינק,
גיי פליטה, ווער באלד לינק, —
קומסט אָפּ מיט פינף מינוט טויט-שרעק.

1910 (וואַרשע).

LXV

כ׳בין א יאַט[2]
און כ׳בין שוין בלאַט[3]
מיט אלע מליצים[4] אין די וועלט, —
זיי זעען מיך כיפּעשן,
מאכן זיי זיך נישט וויסן,
ווייל ס׳קאָסט מיך געננוג געלט.

כ׳פּאַק א קאַיעמטע[5] אין מארק,
און זי האָט זיך שטארק

---

1) קעז: געלט. (פון העבר׳ כסף).
2) א יונגער גנב.
3) בלאט, בלאט-זיין: יד-אחת-זיין.
4) פאליציי-לייט.
5) א פרוי (יידישע פרוי).

פאַרטיפט אין קעשענע דעם פיס —
הייבט מען איר אָן טיצן[1],
און איך הייב אָן שוויצן,
פאַרדינען וויל איך ווי שווער ס'איז.

פלוצלינג הער איך א כאַ, —
מענטשן, איך בין פאַרביי!
מ'קוילעט מיך אָן א מעסער גלאַט!
ס'איז א געלויף א געשריי,
מ'הוילט מיך מיט פּאָליציי,
נאָר איך קום לויז, ווייל כ'בין א יאַט.

א לופטשיק שניידט מען אויס,
כ'קריך אַרײַן באַנאַכט, —
איך באַקלער דעם יאָלד ווי ר'איז גרויס,
די שטוב האָב איך ליידיק געמאַכט.

אַלע טשוכעס דורכן פענצטער אַרויסגעגעבן, —
קיין שוטה.
פלוצלינג הער איך א כאַ — מ'גייט אַף מיין לעבן,
און איך מאַך שוין פליטה.

בעלפערס פון אַלע זייטן
טון מיר נאָכקרייטן[2],
פאַרשיט בין איך שוין גלאַט.
געצענטעוועט אין קיטש
איין שעה מיין נישט,
ווייל כ'בין נאָך א יאַט.

---

[1]) טיצן: מיטהעלפן דעם גנב, וועלכער דאַרף אַרויסגאַנווענען דאָס געלט פון טאַש. די מיטלצן זענען: פאַרשטעלן דעם וועג, מאַכן א געדראַנג, פאַררעדן דעם פאַרשוין אדג״ל.

[2]) נאָכקרייטן: נאָכקוקן, נאָכגיין.

נאָר איין חסרון,
וואָס מיינע יאָרן
רוקן זיך, כ'טו עלטער ווערן, —
איך וואַקס צופיל גלאַט?
איך ווער אויס יאַט —
דערנאָך, כ'וועל פאַרשיט ווערן?..

1910 (וואַרשע).

LXVI

כ'בין א יונגעלע פֿײַן געבוירען.



כ'בין אַ יינגעלע פיין געבוירן,
כ'טו אויס אַלע זאַכן,
ווייל כ'האָב פאַר קיינעם קיין מורא,
כ'קען דאָך אַלע פאַכן.

ווינטער, ווען די נאַכט איז גרויס,
און דער טאָג אַ קליינער זייער, —
זוך איך מיר אַ מאַסעמאַטן אויס
און כ'ווער אַ כעלבענע-גייער[1].

---

[1]) כעלבענע-גייער: אַ געווּעלבער-גנב, וואָס עפנט די קראָמען אין מיטן דער נאַכט.

זומער, ווען די נאַכט איז קליין,
דער טאָג אַ ביסל גרעסער, —
גיי איך מיר אָנגעטון שיין,
כ׳זאָג, אַז אַ טאַלטל[1] איז בעסער.

איידער כ׳גיי אין פּאָטשט אַריין,
עס איך אַ פּולקע אָדער אַ ביידיק, —
אוי, וואָס כ׳פאַרדין איז דאָך מיין,
כ׳גיב קיינעם נישט קיין חלק.

כ׳האָב אַ שותּף נישט קיין יאָלד [נאַר],
ס׳קלינגט מיט אים אַזוי ווי מיט אַ גלאָק:
ס׳איז בײַ מיר אַ שלעכטע צייט,
שיק איך אים אַף פּאָטאָק[2].

פּאָטאָק איז אַ ווויִלע זאַך,
ס׳איז דאָך אויכעט ווי אַמאָל, —
פון פאָרנט זיצט דער פורמאַן,
מיט די בייטש גאַניאַעט[3] ער אָן אַ צאָל.

1925 (יצחק האָלצמאַן, וואַרשע).

LXVII

אוי, ס׳איז נישט גוט, ס׳איז נישטאָ קיין פרײַע מינוט,
דאָס לעבן גייט דאָך מיר נישט איין!
היינט, מאַמע קרוין, איך טו באַדויערן דיינע רייד, —
דו האָסט מיך געוואָרנט, אַז כ׳זאָל גאַנוועגען נישט גיין.

---

1) טאַלטל: שטוב-גנבה, גאַנווענען זאַכן פון די הייזער (פון העבר׳ טלטל).
2) פּאָטאָק: דאָס גאַנווענען פון די פורן.
3) גאַניאַען: יאָגן, טרייבן. פּויליש gonić, רוסיש гонять.

דער גנב, וואָס ער גאַנוועט, פאַרבלייבט דאָך נאָר באַרן זיצן,
און באַ דעם פאַסער[1] פאַרבלייבט דאָך דאָס געלט.
היינט, מאַמע קרוין, דו זאָלסט מיין פנים אָנקוקן,
וואָלסטו מיך שוין גאָרנישט דערקענט.

אַ קאַרטאָווניק, וואָס ער שפּילט אין קאָרטן,
פאַרשפּילן פאַרשפּילט ער נאָר זיין געלט.
אָבער איך האָב פאַרשפּילט מיינע יינגע יאָרן
און נאָך דאַצו אַזאַ ליכטיקע וועלט.

1912 (קיעלץ).

LXVIII

אַך, איר קייטן, הערט אַף צו קלינגען
און בלייבט אַ ווײַלע שטיין,
איך וועל מיר מיין האַרץ אָפּזינגען (bis
און דאַן וועל איך ווייטער גיין. (

מיט די הוילע שווערדן
פירט איר דעם קאַטאָרזשניק, דעם אַרעסטאַנט,
דעם קאָפּ געגאָלט, אַ גערע לאַטע, (bis
געשלאָסן פיס צו פיס, האַנט צו האַנט. (

אַך, דו, פרייהייט, זיסע פרייהייט,
כ׳האָב נישט געוווּסט ווי דיך צו שעצן דאַן,
פון דיר, פרייהייט, קען יעדער געניסן, (bis
נאָר נישט דער קאַטאָרזשאַן. (

---

[1]) פאַסער: אויפקויפער פון גנבישע זאכן.

פאָרן קאַטאָרזשאַן האָט מען
די טאַטשקע מיט אַ לאָפּעטע געטון אָנגרייטן;
פ'וועל קאָפּען, שלעפּן
און צום טאַקט וועלן קלינגען מיינע קייטן.) bis

1907 (וואַרשע).

LXIX

וואָס טויג מיר מײַן לעבען.



אוי, דעם אמת וואָס איך טו אייך זאָגן,
ווײ איז מיר!
און איך זינג אייך פון מיר אַ ליד, —

מיין ליד איז אַ שטאַרקע ביאָגראַפיע,
וואָס האָט זיך מיט מיר ספּאַסירט

ווען איך בין אין חדר אַריין געגאַנגען,
וויי איז מיר!
אַף די וואַנט האָב איך אַ פּאַלטן דערזען,
כ,בין באַלד מיט אים צום פּאַסער געגאַנגען,
אין חדר אַריין האָב איך שוין נישט געוואָלט גיין.

אוי, מיין מאַמע האָט זיך פון דעם אומגליק דערוויסט,
וויי איז מיר!
— „בערעניו, וואָס האָסטו געטון גאַנוועגען גיין?
מ׳זוכט דיך אַרום אין שטוב,
אין צאַרקל וועסטו נאָך מוזן זיין.״

אַזוי ווי כ׳האָב נאָר דאָס דערהערט,
וויי איז מיר!
האָב איך מיך געלאָזט אַף די וועלט,
אַף־סטאַלעי[3] בין איך אַ גנב געוואָרן,
כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרדינען זייער אַ סך געלט.

[3]) פּויליש śledztwo: אויספאָרשונג.

מ׳האָט מיר מיין שלעסטווע געענדיקט
און אַ וויראָק — זאָגט דער שלעדאָוואַטעל — קומט דיר.

מ׳האָט מיך אָפּגעשיקט אין נרעסטן קיטש אַריין,
ווײ איז מיר!

און פאַרמאַכט איינער אַליין.
ווער ווייסט ווי לאַנג ס׳וועט געדויערן,
צי די ספּראַווע וועט נאָך אַמאָל זיין?

1908 (שלמה ראָטענבערג, וואַרשע).

LXX

1

איך בין סאַלווע דער בלאַטער.
פיר ברידער זענען מיר:
איינער אַ הונגעריקער, איינער אַ זאַטער,
אָבער בלאַטע זעמיר אַלע פיר.

איינער איז אַ מאַרוויכער [טאַשן־גנב];
דער צווייטער — אַן אַלפאָנס אַ שיינער יונג;
איינער אַ פאַטאָטשניק[1] אַ פעקל־זוכער,
און איך אַליין גיי אַפּן־שפּרינג.[2]

ווילסטו זיין אַ בלאַטער,
זיי־זשע אַ קלוגער יינג:
לויף אַרום פאַרדינען, —
דאָס הייסט אַפּן־שפּרינג.

---

[1]) פאַטאַטשניק: א גנב, וואָס גאַנוועט פון די פורן פעקלעך, קעסטלעך מיט סחורה.

[2]) אַפּן־שפּרינג: שטוב־גנבה, אין דער גיך, בײַ נישט קיין פאַרשלאָסענע טירן.

2

אַ מאַרוויכער צו זיין
איז גאָרנישט גוט:
באַרן מאַסעמאַטן אַף די גאַס —
ווערט מען פאַרשיט.

אַן אַלפאָנס איז געמיין,
ווי מ׳דענקט:
פון דעם אייגענעם ווייב
באַקומט מען די קרענק.

אַ פאַטאַטשניק איז זייער ביטער:
מ׳קען זיך אָפּרייסן די לונג,
אַ פעקל צו פאַרדינען איז שווער.
דאָס בעסטע איז צו גיין אַפּן־שפרינג.

(וואַרשע). 1909

LXXI

איך גיי אַריין אין אַ הויף,
שטייט אָפן אַ טיר,
ליגט אַ ביסעלע זילבער,
נעם איך עס צו צו מיר.

איך נעם עס צו גאָר געשווינד
און הייב אָן צו לויפן,
איך זוך בגלל אַ פאַסער,
ווו כ׳זאָל עס קענען פאַרקויפן.

(וואַרשע). 1911

LXXII

אוי, אָפּעצירלעך.



אוי, אָפּעצירלעך[1] זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אָפּעצירלעך, שפּעט באַנאַכט,
מיט אַ דימעט [דימענט] דאָס גלאָז געעפנט,
צו דער אַרבעט בין איך געגאַנגען גלייך.

אוי, פון דעם פענצטער גלייך צו דער שאַפע,
מיט אַ שטאַמאייזקע דעם שלאָס געהאַקט,
און אַף מיין מזל האָט זיך דער יאָלד אויפגעכאַפּט,
און באַ מיין אַרבעט האָט מען מיך געכאַפּט.

פון דער אַרבעט גלייך אין דעם מקום [תפיסה],
מיט אַ מענטע, געשלאָסן די הענט;
איך האָב פאַרשפּילט אַזאַ זיסע פרייהייט,
מיט אַן אומגליק בין איך פאַרברענט.

1909 (יצחק שטיקגאָלד, אָדעס).

[1] אָפּעצירלעך: שטילערהייט.

LXXIII

כ׳בין געווען אַ קליין קינד,
האָב איך געוויינט מיט טרערן,
אַז קיין גנב וועל איך נישט זיין —
דאָס קען איך אייך שווערן.

כ׳בין אַלט געוואָרן צוועלף יאָר,
האָט מען געזאָגט, אַז כ׳וועל שוין נישט וואַקסן גרעסער, —
היינט בין איך אַ נאָזשאָווניק[1]
און גיי מיט דעם מעסער.

כ׳בין געזעסן אין פּאַוויאַק,
האָב איך געמוזט רייניקן דעם קיבעל.
ווי ווויל איז דעם סטאָלאַזש,
וואָס אַרבעט מיט דעם היבעל.

כ׳בין געווען אַ קליין קינד,
צו זיין אַ גנב איז מיר געווען בעסער, —
היינט טראָג איך אַרום דעם שאַבער
און האַק טירן און שלעסער.

בּרידערלעך־גנבים,
לאָמיר אַרבעטן[1] פאָרן!
אַ גנב זיצט שטענדיק אין תּפיסה,
דאָרטן פאַרשפּילט ער זיינע יאָרן.

1918 (דוד רינדפלייש, וואַרשע).

[1]) פּויליש: אַ מעסער שטעכער.
[1]) אַרבעטן: גאַנווענען, טון די גנבישע מלאכה.

LXXIV

אַ גאַנצן טאָג דריי איך מיך אין דעם נומערל אַרום,
די כּחות גייען מיר אויס פֿאַר נויט.
איך גיב אַ קוק אַף דעם טישעלע,
טאָמער ליגט אַ שטיקל ראַזאָווע ברויט.

וואָס קען איך מיר העלפֿן? וואָס קען איך מיר מאַכן?
כ'בין דאָך אין גוישקע הענט!
וואָס קען איך מיר העלפֿן? וואָס קען איך מיר מאַכן?
כ'האָב שוין פֿאַרשפּילט מיין וועלט!

מאָנטיק אינדערפֿרי דריי איך מיך אין דעם נומערל אַרום,
די זון שיינט מיר אַריין גאַנץ שיין.
איך גיב אַ קוק דורך דעם פֿענצטערל, דערזע איך מיין מוטער,
גייט מיר אָן אַ שרעקלעך געוויין.

וואָס קען איך מיר העלפֿן?.. אאַז"וו.

1915 (יצחק פּילאַרעט, וואַרשע).

LXXV

הערט אויס, מענטשן, מיינע געטרייע,
וואָס האָט זיך געטון אין לענטשנע ספּאַסירן:
יונה, ער האָט נישט געהאַט קיין ווערט,
ער האָט געטון חיים-זעליקן אין ערשטן פּראָצעס אַריינפֿירן.

אַזוי ווי מ'האָט חיים-זעליקן פֿון קיטש אַרויסגעפֿירט,
זיינע גוטע-ברידער זענען אים געגאַנגען באַלייטן.

פייגעלע האָט זיך נישט דאָס פאַרגעשטעלט,
אַז מ׳וועט זעליקן ברענגען געשלאָסן אין קייטן.

אַזוי ווי מ׳האָט זעליקן אין קיטש אַריינגעפירט,
זיין פנים איז געווען שוואַרץ ווי די בראַנד.
ער גייט שלאָפן נאַכט ביי נאַכט,
ער שטייט אויף דער זעלבער אַרעסטאַנט,

1913 (אסתר טשיטאַרסקע, לאָדז).

LXXVI

אוי, הערטס אויס, מענטשן,
מיין וויסטן צאָרן:
דורך אַ קליין גנבהלע
בין איך פאַרשיט געוואָרן.

אוי, הערטס אויס, מענטשן,
הערט זיך גוט איין,
וואָס קומט אַרויס פון די גנבה,
ס׳נעמט אָן אַ יאָמערלעך געוויין.

ווי כ׳בין אין ביורע אַריינגעקומען,
האָט מען זיך געוואַשן צו מיר,
מ׳האָט מיר פאַרוויסט מיינע יונגע יאָרן,
מ׳האָט מיך געשלאָגן אָן אַ שיער.

1914 (חאַרשע)

LXXVII

די בוימעלעך, זיי בליהען.[1]



דיביימעלעך — זיי בליִען,
די פייגעלעך — זיי פליִען,
און די קייטעלעך קלינגען אָף מיינע פיס.
אוי, ווי איז מיר!
(bis)

איי, זיצן זיך איך מיר אין טורמע,
צווישן די אייזערנע קראַטן, —
דער זומער דער שיינער קומט אָן.
אוי, ווי איז מיר!
(bis)

איך שטיי באַ מיין טיר,
איך באַטראַכט מיין מונדיר:
מיין מונדיר איז פון סערע געוואַנט.
אוי, ווי איז מיר!

---

[1]) וואריאַנט — מ. קיפּניס II ז. 167.

כ'האָב מיר קײנמאָל נישט געוואָלט גלייבן
באַ מײַן גאַנץ לעבן,
אַז איך זאָל זײַן אַן אַרעסטאַנט.
אוי, ווײ איי מיר!

אײנמאָל באַ די נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט,
ווי אַזוי פון די פינצטערע תּפיסה לויז צו גײן.
אוי, ווײ איז מיר!
הײנט מוז איך נעמען אַ זעקעלע,
מיר צו מאַכן אַ פּעקעלע,
אין דער ראָטע צו גײן.
אוי, ווײ איז מיר!

1910

(יאָסל פּולווער, לובלין)

LXXVIII

אַ בלאַטער צו זײַן איז גאָר גרינג, —
דאָס לאָזט זיך דערקלערן, —
מ'דאַרף זיך פאַרשטײן אַפן ווינק,
וועט מען שוין נישט פאַרשיט ווערן.

אַרום דעם מאַסעמאַטן
מוז מען אַרומקריכן,
באַטראַכטן פון אַלע זײַטן,
אײדער מ'גײט צו פּתיחהן.

אַז דער יאָלד מאַכט אַ כאַ,
מ'זאָל דיך אַרעסטירן, —

ווייו-זשע, אַז דו ביזט אַ בלאַטער,
און דו קענסט ריזיקירן.

ריזיקיר
און ראַביר,
אַזוי ווי דיר טויג, —
אַפּעריר
אָן אַ שיער,
טוב שבּיאָלד הרוג.

1913 (מאיר עפּשטיין, וואַרשע).

LXXIX

כ׳בין געווען אַף די פריַי,
האָב איך געגאַנוועט פערד.
היינט זיץ איך קרימענאַל
און ליג מיטן קאָפּ אין דרערד.

רבונו-של-עולם,
נעם מיך אַרויס פון תפיסה:
כ׳וועל שוין נישט גיין גאַנוועגען
נאָר מיט די גאַנצע חברותא.

רבונו-של-עולם,
כ׳וועל שווערן באַ דיינע פּיסעלעך,
אַז דו וועסט מיך אַרויסראַטעווען,
וועל איך צופּאַסן שליסעלעך.

כ׳בּין געווען אַף די פּריי,
האָב איך געטון שלעסער האַקן.
כ׳האָב מיך צוגעגאַנוועט צו אַ טיר,
האָט מען מיך געטון פּאַקן.

כ׳בּין געווען אַף די פּריי,
האָב איך געטון טאַנצן, —
היינט זיץ איך אין קרימענאַל,
עסן מיך די וואַנצן.

כ׳בּין געווען אַף די פּריי,
האָב איך געטון זינגען, —
היינט זיץ איך אין קרימענאַל,
טון בּאַ מיינע פיס די קייטן קלינגען.

מאַמע לעבּן, מאַמעשי,
קום שוין צו מיר אַרונטער!
כ׳האָב שוין נישט מער צו זיצן
ווי אַ זומער מיט אַ ווינטער.

פייגעלעך פליען
איבּער דעם וואַסער, —
לאָטס מיר דאָרטן גרוסן
מיין אַלטן פאַסער.

פייגעלעך פליען
איבּער מענטשן אַלע, —
לאָטס מיר דאָרטן גרוסן
מיין אַלטע כּלה.

1909 (דוד קוראַנט, דזשעוויצע, ראָד׳ וו׳).

LXXX

אזוי ווי ס׳איז געקומען.



אַזוי ווי ס׳איז געקומען פֿרײַטיק אַף די נאַכט,
אַף מיין אומגליק האָב איך מיך נישט געראַכט (געריכט):
די ביורע-בעלפערס האָבן מיך צוגענומען, —
אַף-לינק אַ דיעלע (אָדער: ספּראַווע) האָט מען מיר געמאַכט.

אַזוי ווי כ׳בין נאָר אין ביורע-שלעסטווע אַריינגעקומען,
אַף איין זבאַדאַניע[1] האָט מען מיך גענומען:
מ׳האָט מיך אָנגעהויבן צו האַרגענען, צו שלאָגן:
„אוי, פּאַניע קורנאַטאָווסקי[2], כ׳בין קיין גנב נישט".

אַזוי ווי לייבל איז אַף די דזשיקע גאַס אַרויסגעקומען,
קיין שום מענטש האָט אים נישט דערקענט:
— „דאָרע לעבן קרוין, גייסט מיר נישט אַרויס פון זינען,
כ׳וועל אַרויסקומען פון פּאַוויאַק, מיט פּעקלעך וועל איך צו דיר קומען".

---

[1]) פֿאַרהער:

[2]) פאַמיליע-נאָמען פֿון שעף פֿון קרימינאַל-פּאָליציי אין וואַרשע.

אַזוי ווי מ'האָט לייבלען קיין ביאַליסטאָק אַוועקגעפירט,
באַ די ערשטע סטאַציע איז ער געבליבן שטיין,
דאָרעלע האָט אַ נייעם פּלאַן דערקלערט,
וויאַרומערט לייבל זאָל פליטה-גיין.

אַזוי ווי לייבל איז אין אַרסענאַל אריינגעקומען:
„הערטס נאָר, מענטשן, אויס מיין בראָך:
ס'איז דאָך שוין דער פיפטער מאָנאַט,
דאָרעלע האָט נאָך קיין ווידזעניע נישט געמאַכט.

1916 (שלמה פילארעט, װאַרשע).

LXXXI

כ'האָב פאַר קיינעם קיין מורא.



כ'האָב פאַר קיינעם
קיין מורא, קיין בושה,
ווייל מיין פּראַפּעסיע
קומט מיר בירושה.

אָרענטלעך און פײַן,
פײַן, פײַן, פײַן,
אַ גנב, אַ גנב
זאָל מען זײַן!

ווער האָט נישט געהערט
פון מײַן מאַמע זלאַטקע,
אַלע טאָג פלעגט זי
אין אַן אַנדערע יאַטקע —
נישט צו גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען,
נישט צו גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען.

פון מײַן טאַטן
האָט די גאַנצע שטאָט געהערט:
יצחקל פאַביטניק,
וואָס זוכט נאָר פערד.
נישט צו גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען,
נישט צו גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען.

און מײַן שוועסטער
איז אויך גוט באַקאַנט —
יענטע די קורצע
מיט די לאַנגע האַנט.
זי האַלט נישט פון גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען,
זי האַלט נישט פון גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען.

איך בין אָרנטלעך,
ווי מיר שיינט:
עס ווייסן אַלע,
אַז יענעמס האָב איך פיינט —
ניִשט צו גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען,
ניִשט צו גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען.

פאַר מיין טויט
וועל איך מיינע קינדער
איבערלאָזן די צוואה,
יעדערן באַזונדער —
זיי זאָלן ניִשט גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען,
זיי זאָלן ניִשט גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען.

1912 (זשעלעכאָוו).

LXXXII

גיי איך מיר אין גאַס אַריין,
עפן איך מיר אַ טיר,
דערזע איך אַ פוטער,
פאַרבעט איך עס צו מיר.

גיי איך מיר אין גאַס אַריין,
מיין איך, אַז סגייט מיר גרינג,
דערזעט מיך אַ סטראַזשניק,
טוט ער צו מיר אַ ווינק.

1914 (ראָדעם).

LXXXIII

פּליה-זשע, מיין פייגעלע.



1

פלי-זשע, מיין פייגעלע,
איבער די ימען,
גיב אָפּ אַ גרוס
מיין טייערע מאַמען.[1]

אַז איך וועל שוין מער נישט גאַנוועגען;
גאַנוועגען, גאַנוועגען,
אַז איך וועל שוין מער נישט גאַנוועגען,
נאָר נעמען, נאָר נעמען.
[אָדער: נאָר דאָס מאָל און נאָך איין מאָל].

2

פלי-זשע, מיין פייגעלע,
איבער די ערד,

[1]) וואַריאַנט — מ. קיפּניס II ז. 165.

גיב אָפּ אַ גרוס
דעם פּריץ פון די פערד.

אַז איך וועל... אַאַז״וו

פלי־זשע, מיין פייגעלע,
העכער און העכער,
לאָז מיר גרוסן
דעם פּריץ פון בעכער,

אַז איך וועל... אַאַז״וו

פלי־זשע, מיין פייגעלע,
איבער די קשאַקעס,
לאָז מיר גרוסן
די וואַרשעווער באָסיאַקעס.

אַז איך וועל... אַאַז״וו

פלי־זשע, מיין פייגעלע,
איבער דעם הימל,
דעם ערשטן פּאַטשין —
אַ בראָשע צו דעם רימל,

אַז איך וועל... אַאַז״וו

רבונו־של־על־עולם,
מאַך מיר מיט אַ שטייגער:
דעם צווייטן פּאַטשין —
אַ גאָלדענער זייגער.

אַז איך וועל... אַאַז״וו

(משה ראַבינאָוויטש, גרויס־ביאַלע).

LXXXIV

כ'בין געוועזן א קליינער יאט



כ'בין געוועזן אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן מיין טאַטן, —
היינט זיץ איך אין פאַוויאַק
און קוק אַרויס דורך די קראַטן[1].

אוי, געוואַלד, כ'וועל נישט גאַנוועענען, נאָר נעמען ביגראַנדע.	bis

כ'בין געוועזן אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן מיין מאַמע, —
היינט זיץ איך אין פאַוויאַק
און קוק אַרויס דורך די יאַמע[2].

אוי, געוואַלט... אאַז"וו

---

1) וואַריאַנטן — פנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום" XIV, XV (ביי אונז יודען); מ. קיפּניס II ז. 169.

2) שפּאַרעס, לעכער.

כ׳בין געוועז אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן מיין שוועסטער, —
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק,
און דער גנב בין איך דער גרעסטער.

אוי, געוואַלט... אַז״וו

כ׳בין געוועז אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן מיין ברודער, —
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק
און מאַך דער גרעסטן גערודער.
[אָדער: און זינג מיר לידער].

אוי, געוואַלט... אַז״וו

כ׳בין געוועז אַף די פרייַ,
האָב איך געגעסן און געטרונקען, —
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק
און טו דורך די קראַטן אַרויסווינקען.

אוי, געוואַלט... אַז״וו

כ׳בין געוועז אַף די פרייַ,
האָב איך געטון אין דראָזשקעס פאָרן, —
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק,
ס׳איז אַ קלאָג צו מיינע יאָרן.

אוי, געוואַלט... אַז״וו

ריבונו-של-עולם,
האָב אַף מיר רחמנות:
כ׳וועל אַרויסקומען פון פּאַוויאַק,
וועל איך פאַסטן אַ תענות.

אוי, געוואַלט... אַז״וו

רבונו-של-עולם,
כ'שווער דיר אליין:
כ'וועל ארויסקומען פון פאוואק,
וועל איך גאנוועגען נישט גיין.

אוי, געוואלט... אאז"וו

כ'וועל ארויסקומען פון פאוויאק,
וועל איך גיין אין דיין שטייגער:
דעם ערשטן פאטשאנטיק —
א גאלדענעם זייגער.

אוי, געוואלט... אאז"וו

כ'וועל ארויסקומען פון פאוויאק,
וועל איך מיך וואשן מיט וואסער, —
כ'וועל קיינעם נישט געבן,
כ'וועל אליין זיין דער פאסער.

אוי, געוואלט... אאז"וו

1919

(חנה-פערל קובעל, ווארשע).

LXXXIVa (וואריאנט)

אוי, דו, גאטעניו,
ביזט דאך א גוטער,
דאס בעסטע פארדינסטל
איז נאר א גוט פוטער.

כ'וועל שוין מיין נישט גאנוועגען, ⎫
נאר נעמען און נאר שלעפן. ⎭ bis

כ׳האָב אַריינגעשטעקט אין אַ קעשענע,
האָב איך געמיינט ס׳איז אַ פגר,
פון דאָרט האָב איך אַרויסגעשלעפט
אַ גאָלדענעם זייגער.

כ׳וועל שוין מיין... אאַז״וו

כ׳בין אַריינגעקראָכן אין אַ פענצטער,
כ׳בין געוואָרן רויט,
מ׳האָט מיך געכאַפּט
און געשלאָגן שיער צום טויט.

כ׳וועל שוין מיין... אאַז״וו

כ׳בין געווען אין די היים,
האָב איך געגעסן מיט זילבערנע לעפל,
היינט זיץ איך אין תפיסה
און עס מיר פון שעפל.

כ׳וועל שוין מיין... אאַז״וו

כ׳בין געווען אויף די פריי,
האָב איך געגעסן ביפשטיקן,
היינט זיץ איך אין תפיסה
און מוז דורך די קראַטן אַרויסקוקן.

כ׳וועל שוין מיין... אאַז״וו

כ׳בין געווען אויף די פריי
האָב איך געגעסן זעמעלען מיט פּוטער,
היינט זיץ איך אין תפיסה,
איז מיר זויער און ביטער.

כ׳וועל שוין מיין... אאַז״וו

אַז דער גנב איז אױף די פרײַ,
לאָזט ער זיך העמדער פּרעסן,
און אַז ער קומט אין קוטשעמענט[1] אַרײַן,
טון אים די װאָנצן [אָדער: לײַז] עסן.

כ׳װעל שוין מײַן... אאַז״װ

אַז דער גנב איז אױף די פרײַ,
רײכערט ער גוטע ציגאַרן,
און אַז ער קומט אין קוטשעמענט אַרײַן,
טוט ער אָפּדאַרן.

כ׳װעל שוין מײַן... אאַז״װ

1910 (לובלין).

LXXXIVb (װאַריאַנט)

אַז דאָס פײגעלע פליט,
פליט עס אַרױף;
איך זיץ און זיץ
און ס׳נעמט נישט קײן סוף.

אױ, געװאַלט מ׳טאָר נישט גאַנװענען,
נאָר נעמען ביגראַנדע. } bis

אַז דאָס פײגעלע פליט,
פליט עס אַרונטער,
כ׳האָב נאָך צו זיצן
אַ זומער מיט אַ װינטער.

אױ, געװאַלט... אאַז״װ

אַז דאָס פײגעלע פליט,
פליט עס אַראָפּ,
לאָז דאָרטן גרוסן
חײם-לײב סנאָפּ.

אױ, געװאַלט... אאַז״װ

---

[1] קוטשעמענט: תפיסה.

אַז דאָס פייגעלע פליט,
פליט עס בערן וואַסער,
לאָז דאָרטן גרוסן
חיים-לייב פאַסער.

אוי, גװאַלט... אאַז"װ

אַז דאָס פייגעלע פליט,
פליט עס איבער די נעסטער,
לאָז דאָרטן גרוסן
די גוטע-ברידער און שוועסטער.

אוי, גװאַלט מ'טאָר נישט גאַנװענען, ⎫
נאָר נעמען ביגראַנדע. ⎭ bis

1911 (זאַמאָשטש).

LXXXV

איך האָב ארומגערייזט.



כ'האָב אַרומגערייזט די גאַנצע וועלט,
כ'האָב געקענט האָבן דאָס גרעסטע גליק, —
קיין שום פאַרגעניגן איז בא מיר נישטאָ,
און צו די תפיסה ציט מיך צוריק.

1914 (װאַרשע).

צווייטע אפּטיילונג

ליבע-לידער

I

אוי, מענטשן, ווער האָט נאָך אַזוינס געהערט,
ווער ווייסט נאָך פון אַזאַ צאָרן:
מיין לעבן איז מיר געוואָרן פאַרשטערט,
דורך די ליבע בין איך קראַנק געוואָרן.

יעטוועדער האָט מיך גערימט, וואָס פאַר אַ כלה איך האָב,
ביי יעטוועדן בין איך געווען געשעצט,
היינט האָט מען מיר מיין קאָפּ אַראָפּגענומען
און מ׳האָט מיך אין פּאַוויאַק אַריינגעזעצט.

אַ גאָלדענעם שפּיגל האָב איך אַזאַ צייט געטראָגן,
וואָס יעדער האָט מיך מקנא געווען,
היינט איז מיר מיין שפּיגל געוואָרן צעשלאָגן,
איך קאָן צומאָל דעם שאָדן נישט זען.

אַ ליבע האָב איך אויסגעפירט מיט גרויס פרייד,
בטאָג און בנאַכט
היינט בין איך געוואָרן פון די ליבע צעשיידט
און ליג אין דעם פּאַוויאַק פאַרמאַכט.

א ליבע האָב איך אויסגעפירט אינגאַנצן,
אַלעס וואָס מיין האַרץ האָט נאָר געטון פאַרלאַנגען,
ס'איז געקומען דער טאָג פון טאַנצן,[1]
בין איך נעבעך געוואָרן געפאַנגען.

מיין גליק איז מיר פאַרפליגן פאַר פייער און פאַר פלאַם,
געטראָפן האָט מיך גאָטס צאָרן,
כ'האָב אויסגערייזט דעם גאַנצן ים
און באַ דעם באָרטן בין איך דערטרונקען געוואָרן.

אין סוף חודש אין די פינצטערע נאַכט,
פלעג איך מיט מיין ליובעניו שפאַצירן צו גיין,
די גאַנצע גאַס האָט זי מיר פאַרלאַכט,[2]
אירע אויגן האָבן געבלישטשעט ווי א טייערער שטיין.

ס'איז נישט געווען דער איבעריקער טאָג,
וואָס איך זאָל נישט האָבן מיט איר אין פאַרגעניגן פאַרבראַכט,
היינט איז אַרויס אף מיר גאָטס שטראָף,
איך ליג אין דעם פאַוויאַק פאַרמאַכט.

באַ די נאַכט ווען איך בין ביי דעם טרויעריקן גליק,
מיין האַרץ איז מיר צעבראָכן גאָר אָן א שיעור,
עס דאַכט זיך מיר אַז כ'בין ביי דעם פויעריקן[3] גליק,
עס קומט מיר צו חלום, איך רעד מיט איר.

שפאַצירן גיי איך מיט איר אַרום אין דעם שיינעם העלן טאָג,
וווּ ס'איז נאָר אַן אָרט געווען,
איך כאַפ מיך אף, דאָ זע איך מיין קלאָג,
דאָס איז נאָר א חלום געווען.

---

1) חופה-טאָג.
2)=פאַרלייכט.
3)=פאָריקן, פריערדיקן.

אַ טייערן בריליאַנט האָב איך אָנגעוואוירן,
וואָס ער גייט מיר קיינמאָל נישט אַרויס פון מיין זינען,
איך ווייס נישט צי כ'האָב אים אָף אייביק פאַרלוירן,
צי כ'וועל אים נאָך קענען אַמאָל צוריק געפינען.

גערעכנט האָב איך מיך, אוי, גליקלען אָף די וועלט,
איך זאָלט אים געפינען צוריק,
עס וואָלט באַ מיר געווען טייערער ווי געלט,
ווער וואָלט זיך געשאַצט צו מיין גליק.

אוי, זיסער גאָט, וואָס דו זיצט אין דעם הימל,
דיינע וווּנדער איז נישט צו דערקלערן,
בעט איך דיך, גאָט, מיטן גאַנצן האַרץ,
ס'איז דאָך שוין צייט געדהאָלפן צו ווערן.

בעטן בעט איך דיך, זיסער גאָט,
בינד מיך אָף פון דעם שטריק!
שטראָף שוין מיך מיט וואָס דו ווילסט,
אַבי גיב מיר די פריידהייט צוריק.

(משה לינדער, וואַרשע).

Ia (וואַריאַנט [1])

אַ שווערן שפיגל האָב איך געטון טראָגן
וואָס פאַר אַ שיינע כלה איך האָב געהאַט,
היינט האָט מען מיר נ'קאָפּ אַראָפּגענומען,
מ'האָט מיך אין תפיסה פאַרמאַכט.

---

1) נאָך צוויי וואַריאַנטן: גינזבורג־מאַרעק, נומ' 145 (מינסקער גוב') י. ל. פּרץ, I, III, נומ' 29 (לובלינער גוב').

רבונו-של-עולם, וואָס ווילסטו פון מיר?
נאָר שנייד מיר איבער די שטריק;
רבונו-של-עולם, וואָס ווילסטו פון מיר?
מיין טייערע כּלה גיב מיר צוריק.

שפּאַצירן זע׳מיר ביידע געגאַנגען
אַרום און אַרום איבערן דהויף;
דיינע צוויי גנבישע אויגן
האָבן דאָך מיך איבערגעקויפט.

(גראָדזיסק, וואַרשעווער וואָיעוו׳).

II

ווערטער, ווערטער, זיסע ווערטער.



– ווערטער, ווערטער, זיסע ווערטער
פּלעגן מיר ביידע צו ריידן,
אוי, אַז איך דערמאָן זיך מיט דיר צו געזעגענען,
אַף אַ האַרץ-ווייטיק טו איך שוין ליידן.
bis

אף דעם ים בלאָזט אַ ווינטעלע
און די פּאַליעס זיי יאָגן,
אוי, אַז איך דערמאָן זיך מיט דיר צו געזעגענען, (bis)
טו איך דאָך וויינען און קלאָגן.[1] (bis)

דו האָסט מיר געבונדן הענט און פיס
און די האָסט מיך געלאָזן דאָ שטיין;
דו האָסט מיר געוויזן וואָס ליבע הייסט, (bis)
אוי, יונג פון די וועלט וועל איך גיין. (bis)

– גאָט איז גערעכט, איך בין נישט שולדיק,
ס'האָט מיך געטראָפן אַן אומגליק;
די קייטן און די טורמע דאָס איז מיין ליבע, (bis)
אוי, דאָרטן האָט מען מיך פאַרשיקט. (bis)

(כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע).

III

– אוי, מיין האַרץ ציט צו דיר,
מיינע אויגן טריקענען נישט,
מיט טרערן הייסע גיס איך אָן אַ שיעור,
ווען איך גיב צו די טורמע אַ טריט.[2]

איך האָב מיין מוטער נישט געוואָלט פאָלגן,
זי האָט מיך מיט דיר נישט געהייסן גיין,
דו האָסט באַ מיר מיין האַרץ אַזוי יונג צוגענומען
און אַליינט ביסטו אין טורמע אַריין.

---

1) ענלעכע סטראָפעס: ביי גינזבורג-מאַרעק נומ' 143; י. ל. כהן I, III, 23, 24.

2) פאַרגלייך צו דער סטראָפע דעם אָנהייב פון ליבע-ליד ביי י. ל. כהן I, III, 7.

– די טורמע איז פֿאַר מיר ווי געוווּנטשן,
זי איז פֿאַר מיר גאַנץ גרינג,
קיין בעסערן סוף האָב איך מיר גאָרנישט געוווּנטשן,
כּדי צו פֿאַרגעסן אַלעסדינג.

איך הייב מיך אָן צו דערמאָנען,
אוי, דעם טאָג וואָס כ'האָב דיך דערקענט,
אוי, שעלטן שעלט איך דעם טאָג פֿון מיין געבוירן,
איידער כ'האָב די ליבע דערקענט.

אָך, מיין טייער לעבן, דו בלייבסט שוין פֿריי,
פֿריי ענדער פֿון מיר,
אוי,- לאַנג וועל איך דאָ שוין נישט זיין,
איך גיי אַוועק קיין סיביר.

נאָך סיביר איז גאַנץ ווייט,
ווייט פֿון אַלע עקן,
אוי, דאָרטן וועט זיין מיין קוואַטיר
און מיט ערד וועל איך זיך צודעקן.

די טוטשקעו[1] די אייזערנע זי הויפּט איבער אַלע,
אוי, דאָס וועט זיין מיין גליק,
זי וועט זיין דאָרט מיין כּלה
און קומען וועל איך שוין מער נישט צוריק.

(כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע).

---

1) =טאַטשקע.

אין פריסטאווע ברענט א פײַער.



אין טורמעלע (אָדער: אין פריסטאווע) ברענט אַ פייער,
פון קוימען גייט אַרויס אַ רויך;
איך דערמאָן מיך, כ'האָב מיך איינגעליבט אין אַ גנבל,
פון וויינען האָב איך נישט קיין כוח.

איך לייג מיך אַנידער אויף מיין געלעגער
מיט אַ צעבראָכן האַרץ,
ווען וועט שוין שלאָגן דער זייגער
פון מיין ביטערן שמאַרץ?

דער זייגער שלאָגט שוין צוועלף,
מאַמעליו, ס'איז שוין נאָך די האַלבע נאַכט;
ס'איז שוין צייט אַנטשלאָפן צו ווערן,
גענוג פון דעם גנבל געטראַכט.

אַך, פייגעלעך, פייגעלעך, זיסע,
פליט אַהין צו מיין הרתן אין די תפיסה,
ברענגט מיר אַן ענטפער אַ זיסע,
צי נישט מאַכטס אים לויז פון די תפיסה.

די פייגעלעך שטייען ביי מיין פענצטער,
זיי זינגען מיט אַ זיסן געזאַנג;
צייט כ'האָב מיך איינגעליבט אין אַ גנבל,
אויף אייביק טוט מיר באַנג.

אַלע וואַסערלעך זיי זיינען שוין פול,
אַלע גריבעלעך זיי זיינען שוין ליידיק;
צייט כ'האָב מיך איינגעליבט אין אַ גנבל,
פאַרפאַלן בין איך שוין אויף אייביק.

(יצחק האָלצמאַן, וואַרשע).

IVa (וואַריאַנט)

אַ פייער ברענט אויף מיינעם האַרצן,
פון קוימען גייט אַ רויך,
אַז איך דערמאַן מיך אין ווען כ'האָב מיך איינגעליבט,
פון וויינען האָב איך שוין נישט קיין כח.

פון וויינען האָב איך שוין נישט קיין כח,
מיין האַרץ איז פאַרנומען מיט שמאַרצן;
ווען וועט שוין שלאָגן דער זייגער,
די לעצטע סעקונדע פון מיינעם האַרצן?

דער זייגער האָט צוועלף געשלאָגן,
ס'איז שפעט אין די האַלבע נאַכט;
ס'איז שוין צייט אַנטשלאָפן צו ווערן,
ס'איז שוין גענוג געלעגן און געטראַכט.

אוי, דו פייגעלע, דו זיסע,
פלי מיר אַהין צו די תפיסה,
ברענג מיר אָן אַנטוואָרט אַ זיסע
און נעם אים אַרויס פון די תפיסה.

דאָס פייגעלע איז אַהינגעפלויגן,
עס האָט מיר גאָרנישט געבראַכט,
בלוט רינט פון מיינע אויגן,
מיין טייער לעבן ליגט אין תפיסה פאַרשלאָסן.[1]

(מאיר עפשטיין, ראַדזימין, וואַרש' וו').

V

אוי ווײה, מיר, מאמעניו.



אוי-ווײ מיר, מאַמעניו,
מאַך מיר אויף די תפיסה,
לאָז מיך צו מיין חתן אַריין!
איך וואָלט די קראַטן אויפגעבראָכן
און צו אים אַריינגעקראָכן,
אַבי אינאיינעם צו זיין.

(נאָווידוואָר, וואַרש' וו').

1) נאָך אַ וואַריאַנט בא י. ל. כהן, I, 11, 9.

(וואַריאַנט) Va

פייגעלעך זיסע,
עפּנט מיר אויף די תּפיסה,
נעמט מיך פון דאַנעט אַרויס!
ווייל עס הייבט שוין אָן דאָס פוילע וועטער,
פון די ביימער פאַלן די בלעטער —
נעמט מיך פון דאַנעט אַרויס!

פייגעלעך זיסע,
עפּנט מיר אויף די תּפיסה,
עפּנט מיר, עפּנט מיר געשווינד!
ווייל די ביימער וועלן וואַקסן
און די תּבואה וועט מען שניידן,
ביי מיין טייער לעבן וויל איך זיין אַצינד.

פייגעלעך זיסע,
עפּנט מיר אויף די תּפיסה,
לאָזט מיך צו מיין לובטשו אַרויס!
אוי, די קראַטן אויסגעבראָכן
און צו מיין לובטשו אַהיימגעלאָפן,
צו מיין לובטשו אַרויס.

(ביילע וויסבראָד, וואַרשע).

VI

מיין מאַמעליו פלעגט מיך וואָרענען:
„טאָכטערשי, מיט קיין גנב זאָלסטו נישט גיין".
כ'האָב נישט געוואָלט פאָלגן מיין מאַמעס רייד,
אַלע מיטוואָך ביי דעם פאַוויאַק מוז איך שטיין.

(מנשה פעלדמאַן, וואַרשע).

כ'האָב געהאַט א חבר'טאָרען.



כ'האָב געהאַט אַ חברטאָרין,
אַ חברטאָרין זייער אַ געטרייע,
אוי, זי פּלעגט מיך שטענדיק וואָרענען, איך זאָל מיט אים נישט גיין,
צום סוף גייט זי מיט אים אַליין.

אַף אַ בענקעלע זע'מיר ביידע געזעסן,
געזעסן זע'מיר ביידע פאַרטראַכט,
אוי, אַ זיפץ האָב איך געגעבן, דעם גרונט פון מיינעם האַרצן:
„אָבער זע ס'אַרן תל— דו האָסט פון מיר געמאַכט".

קום אַהער, אוי, חתן, מיין געטרייער,
ס'לעצטע מאָל רעד איך נאָך מיט דיר,
אוי, שעם זיך נישט פאַר קיינעם און זאָג מיר אויס דעם אמת,
צי ליבסטו מיין חברטאָרין, אָדער מיר.

אַפן בעטעלע בין איך מיר געלעגן,
געלעגן בין איך מיר פאַרטראַכט,

אוי ווי אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט,
ווי אַ חלום האָט זיך מיר געדאַכט,
אָבער זע ס'װערן תל דו האָסט פון מיר געמאַכט.

— כ'וואָלט געווען אַ פישעלע אין וואַסער,
וואָלט איך דאָך צו דיר אַהינגעשווומען,
אָבער היינט, אַז איך זיץ אין דער וואָיענע-טורמע
פאַרמאַכט מיט די קראַטן,
געוואַלט! ווי אַרומערט קען איך שוין צו דיר קומען?

כ'וואָלט געווען אַ פייגעלע אין וואַלד,
וואָלט איך דאָך צו דיר צהינגעפלויגן,
אָבער היינט, אַז איך זיץ אַף די פּאַווע-גאַס
פאַרמאַכט הינטער די קראַטן,
געוואַלט! איך זע דעם טויט פאַר מיינע אויגן.

כ'וואָלט אַפילו אַ פערד-און-וואָגן געוועזן,
וואָלט איך דאָך צו דיר אַהינגעפאָרן,
אָבער היינט, אַז איך זיץ אין אַרסענאַל
פאַרמאַכט הינטער די קראַטן,
געוואַלט! איך באַדויער דיינע יונגע יאָרן. (ב. קאַרטשעווסקאַ, וואַרשע).

VIII

הערטס אויס גוטע ברידערלעך.



הערטס אויס, גוטע-ברידערלעך,
וואָס איך וועל אייך זאָגן,

אַ נייע ליד וועל איך אייך זינגען, (bis
וועט איר וויינען און קלאָגן. (bis

דאָס ליד איז נישט פון קיינעמען,
נאָר פון נחומל אַרעסטאַנט,
דריי חדשים אַף דער סלאָבאָדע, 1 (bis
מיט שרדהטשקען האָב איך זיך באַקאַנט. (bis

ווי כ'האָב זיך מיט איר באַקאַנט,
האָב איך זי געליבט גאַנץ גיט,
זונטיק אין גאַס געגאַנגען (bis
און דאָרטן האָב איך זיך, אוי, פאַרשיט. 2 (bis

ווי כ'האָב מיך, אוי, פאַרשיט,
האָט זי אָנגעהויבן צו לויפן,
זי האָט געמיינט, אַז ס'וועט איר גיין, (bis
אַז זי וועט מיך קענען אויסקויפן. (bis

ווי ס'איז איר נישט געגאַנגען
האָט זי אָנגעהויבן דורך די קראַטן צו שרייען,
האָב איך איר געענטפערט: (bis
אַף דעם סוד 3 וועל איך מיך באַפרייען. (bis

אינדרויסן גייט אַ רעגן,
ס'איז געוואָרן אַ בלאָטע.
דער וואַרשעווער אָקרוזשנאָי 4 האָט מיך אָפּגעמשפּט, (bis
דריי מיט ניין אין דער ראָטע. (bis

אינדרויסן גייט אַ רעגן,
ס'איז געוואָרן אַ כמאַרע,

---

1) סלאָבאָדע — פאַרגריי.ט פון רוסישן свобода — פרייהייט.
2) פאַרשיטן זיך — אַ דורכפאַל האָבן, אַרויסגעגעבן ווערן.
3) רוסיש: געריכט.
4) אָקרוזשנאָי (סוד) — קרייזגעריכט.

איך האָב פאַרשפּילט מיינע יונגע יאָרן, (bis
אַף דער וויסטער נאַרע. (

הער נאָר צו, שרהטשקע,
וואָס איך וועל דיר זאָגן,
מיינע גוטע־ברידער טון מיר שטערן, (bis
קיין סווידאַניע 1 זאָלסטו מיר נישט טראָגן. (

– הער נאָר צו, נחומל,
וואָס איך וועל דיר זאָגן,
פּרעמדע שטיבער וועל איך גיין שמירן (bis
און דיר פּעקלעך וועל איך טראָגן. (

(אברהם איינוויינער, לובלין).

VIIIa (וואַריאַנט)

אוי, הערט אויס, ליבע מענטשן,
וואָס איך וועל אייך זאָגן:
אַ נייע ליד איז אָנגעקומען,
ס'איז צו וויינען און צו קלאָגן.

דאָס ליד איז נישט פון קיינעמען,
נאָר פון מיר הערשל 3 אַרעסטאַנט.
דריי חדשים אַף די סלאָבאָדע,
מיט אַ מיידל האָב איך זיך באַקאַנט.

אַזוי ווי כ'האָב מיך מיט איר באַקאַנט,
האָב איך געקריגן הארצלעך קלאַפּינג,
אוי, מיינע קאָלעגעס זיי טון מיר זאָגן,
קיין וואַלוווקעס וועסטו מיר נישט טראָגן.

1) סווידאַניע — רוסיש: דאָס זעען זיך מיטן אַרעסטאַנט אין תפיסה.
2) פּעקל: דאָס עסן וואָס מען ברענגט פאַרן אַרעסטאַנט.
3) הירשל, הערשל (וואַרשעווער אויסשפּראַך).

אוי, דהער אויס, מיין דהארשעלע,
וואָס איך וויל דיר זאָגן,
גאַנוועגען וועל איך ביי מיין מאַמען ציבעלעס
און וואַלוווקעס וועל איך דיר טראָגן.

אין דרויסן גייט אַ רעגן,
ס'איז אַ גרויסע בלאָטע,
דריי חדשים האָב איך געקריגן
אַרעסטאַנסקע ראָטע.

(ביילע קארטשעווסקא, ווארשע).

IX

פאַרליבט, פאַרליבט.



פאַרליבט, פאַרליבט האָב איך מיך אין איינעם,
זיין קאָפּ איז געווען מיט פּערפומען אויסגעשמירט;
זיינע שוואַרצע אייגעלעך, מיט זיינע זיסע ריידעלעך, (
bis (
זיי האָבן מיך פון וועג אַראָפּגעפירט. אוי-וויי!

צרהלעך, אוי, צרהלעך האָב איך מיר גענומען,
כ׳האָב זיי נישט געטון באַדאַרפן;
אַ שטיין אַף מיין האַרצן וועל איך מיר אָנהענגען,
טיף אין וואַסער וועל איך מיך וואַרפן. אוי־ווײ! (bis)

אַז אין וועל זיך אין וואַסער אַריינוואַרפן,
געוויס וועל איך ווערן פאַרלוירן;
פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג פון אונדזער ליבע,
קיין ליבע זאָל נישט ווערן געבוירן. אוי־ווײ! (bis)

מיין טאַטעליו, מיין מאַמעליו, זיי האָבן מיר צוגעזאָגט,
זיי וועלן מיך צו די חופּה בענטשן;
אוי, היינט, אַז איך זיץ אין די וויסטע טורמע,
עס באַדויערן מיך פרעמדע מענטשן. אוי־ווײ! (bis)

(וואַרשע).

X

— טאָכטער, וואָס גייסטו אַרום פאַרסמוטשעט,
טאָכטער, וואָס גייסטו און ברעכסט דיר די הענט,
צי ווערסטו קיין צווייטן נישט קריגן?
אַ ליבע זאָל ווערן פאַרברענט.

— אוי, מאַמע, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן,
גיב מיר דאָס יינגעלע, וואָס איך ליב,
באַנאַכט וועל איך נישט גיין שפּאַצירן,
פאַרברענגען וויל איך מיט אים אין שטיב.

אין פּאַוויאַק איז ער געזעסן,
וואַלוועקס האָב איך אים אַריינדערלאַנגט,
היינט האָט ער אין מיר פאַרגעסן,
גיי ייך ווי ער וואָלט מיך נישט געקענט.

אין די טורמע איז ער געזעסן,
וואָלוווקעס האָב איך אים אַריינדערלאַנגט,
היינט האָט ער אין מיר פאַרגעסן,
אונדזער ליבע האָט שוין לאַנג אָפּגעדאַנקט.

(חוה ערדבערג, קוטנע, וואַרש' וואָיעוו').

XI

די נאכט און יענע נאכט



די נאַכט און יענע נאַכט
זע'מיר געזעסןביידע פאַרטראַכט,
מיר זע'מיר זיך אַזוי לאַנג געזעכן,
ביז מיר האָבן אין אַלעם פאַרגעסן.

ווי העלפט מיר גאָטעניו אַף דעם וואַסער,
ווי העלפט מיר גאָטעניו אַף דר'ערד,
אין ווייטע לענדער בין איך פאַרוואָרפן,
בא קיין מענטש האָב איך נישט קיין ווערט.

די אייגענע שוועסטער אין שדכנות געלאָפן
און זי האָט דעם שידוך אויסגעפירט,
אין די ווייטע לענדער בין איך פאַרוואָרפן
און מיט די קייטן אָנגעצירט.

ווי העלפט אאז"וו.

איך הייב מיך אָן צו דערמאַנען,
ווי גליקלעך איך בין אַמאָל געווען,
ווען איך בין אין חדר געגאַנגען,
אוי, ווי וווילל איז מיר געווען.

ווי העלפט מיר אאז"וו.

(באַנטשע קריפּקע, וואַרשע).

XII

אַזוי ווי דער שטורעם אין פייער
האָט עס זיך אין מיין הארצן אָנגעצונדן,
ווער קען זיין בא מיר אַזוי ליב און טייער
און ווער קען דען מיר היילן מיינע וווּנדן. 1

קיינער, נאָר דו, גאָט, דו איינער,
דו קענסט מיר היילן מיין וווּנד,
קיינער, נאָר דו, גאָט, דו איינער,
דו קענסט מיר געבן מיין ליבן אַצינד.

---

1) פגל': גינזבורג-מאַרעק נומ' 194, י. ל. כהן, I, 1, 28.

מיט פיל יאָרן צוריק,
ווער האָט זיך געקענט צו מיר גלייכן,
ווען בײַ מיר האָט געשפּילט דאָס גליק
און מיר האָבן פאַרברענגט אין רייכן.

פאַרברענגט האָבן מיר ביידע בעגעזאַמען,
בײַ וועמען איך האָב נישט די ווערט,
זאָגן קען איך נישט פאַר קיינעם,
מסתּם אז פון גאָט אַזוי באַשערט.

איך בין שטענדיק געזעסן בײַ דעם טייך,
אַלע מענטשן האָבן געזעען מיט זייערע אויגן,
וואָס טויג מיר מיין גוטס און מיין רייך,
אַז דו ביזט פון מיר פאַרפלויגן.

פאַרפלויגן ביזטו פון מיר,
אין אַזוי אַ ווייט לאַנד,
זאָגן פאַר מיינע עלטערן
איז מיר אַ גרויסע שאַנד,

מיינע עלטערן טון מיך פרעגן:
„מיין קינד, וואָס גייסטו אַרום אַזוי באַטריבט?״
אוי, וואָס פאַר אַן ענטפער קען איך זיי געבן,
אַז איך האָב מיך אין אַ גנב פאַרליבט.

פאַרליבט האָב איך מיר אין אַ גנב,
איך וואָלט אים געוואָלט זעען פאַר מיינע אויגן,
ווען איך וואָלט געווען אַ פויגל,
וואָלט איך צו אים געפלויגן.

דיינע קאָלעגעס פון די פריי
זיינען שטענדיק געזעסן בײַ מיר,
זיי פלעגן מיך פרעגן, וואָס כ׳בין דיר אַזוי געטריי,
וואָס איך האָב זיך איינגעליבט אין דיר.

פאַרליבט האָב איך מיך אין דיר,
איך וואָלט דיך געוואָלט זעען פאַר מיינע אויגן,
ווען איך וואָלט געווען אַ פויגל,
וואָלט איך צו דיר געפלויגן.

געפלויגן וואָלט איך צו דיר,
איבער וואַסער און איבער בלאָטע,
וואָס בין איך שולדיק,
אַז דו האָסט געקריגן אַרעסטאַנסקע ראָטע.

(ישראל קושעווסקי, קאַלושין, שעדלצער געגנד).

XIII

הערטס אויס, מענטשן



הערט אויס, מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן,
גענשע איינאונפופציק אין אַ שטוב, אין אַ שטיב!
אַרויפגעקומען איינער, לייבל דער פיינער,
bis און האָט זיך אין בראָניען איינגעליבט, איינגעליבט.

זיי האָבן זיך געליבט אַ צייט מיט אַ צייט,
פון זייער ליבע האָט קיינער נישט געוווּסט,
אוי, געוויסט
bis
אין אַ פּראָסטן דאָנערשטיק איז לייבל געגאַנגען שפּאַצירן,
אַף די טוואַרדע גאַס איז ער געוואָרן פאַרשיט, אוי, פאַרשיט.

„הער שוין אַף צו וויינען, הער שוין אַף צו טרויערן,
דו מאַכסט דאָך אַף דיין פּנימל אַ פלעק,
אוי, אַ פלעק.“
bis
„פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, פאַרוואָס זאָל איך נישט טרויערן?
מ'שיקט דאָך שוין לייבלען אַוועק, אוי, אַוועק.

אַזוי ווי לייבל איז אין זשאַנדאַרמעריע אַריינגעקומען,
מיט אַלע בעסטע-ברידער [1] האָט ער זיך געגעבן די הענט,
אוי, די הענט,
bis
איין בעסטער-ברודער האָט געשווירן באַ זיין פריי,
אַז בראָניע האָט אַ צווייטן דערקענט, אוי, דערקענט.

ער ליגט זיך אַף זיין נאַרע און ברעכט זיך זיינע הענט,
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, אוי, נעכט.
bis
גיט מען אַ געשריי: „לייבל, וופטאַוואַי! [2]
בראָניע האָט וואַלוּוקעס געבראַכט, אוי, געבראַכט“.

„איך עס נישט, איך טרינק נישט, איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט,
בענקען בענק איך נאָר נאָך דיר, נאָר נאָך דיר,
bis
דיינע שוואַרצע אויגן האָבן מיך צוגעצויגן,
צו כּלע צרות האָסטו מיך געבראַכט, אוי, געבראַכט.

---

1) בעסטער-ברודער — דאָס זעלבע וואָס „גוטער-ברודער“: אַזעלכער, וואָס געהערט צו דער גנבים-וועלט.

2) רוסיש: שטיי אויף.

איך עס נישט, איך טרינק נישט, איך שלאָף נישט גאַנצע
נעכט,
בענקען בענק איך נאָר נאָך דיר, נאָר נאָך דיר,
כ'זאָל אפילו וויסן מיין לעבן צו פאַרשפּילן,
חתונה־האָבן מוז איך שוין מיט דיר, שוין מיט דיר.״ } bis

(לאה יאַגאָדע, וואַרשע).

XIV

איך האָב מיך אונטערגענומען.



„איך האָב מיך אונטערגענומען צו גיין נע־ונד
און אַרומצוואַלגערן באַ יענעם אין די שטיב,
אוי, איין זאַך, מאַמעליו, וועל איך דיך בעטן,
דו זאָלסט מיר געבן דאָס יינגעלע וואָס איך ליב״.

„דאָס יינגעלע וואָס דו ליבסט וועל איך דיר נישט געבן,
ווייל ער איז דאָך אַ גנב און אַ שאַרלאַטאַן,
אוי, דו, מיין קינד, מיט דיין שיין פּנימל,
קענסט דאָך אָנקומען צום פיינסטן יונגנמאַן".

„וואָס טויג מיר דער פיינסטער יונגערמאַן,
וואָס ער האָט אַסאַך געלט,
ס'איז קראַנטער, מאַמעליו, אין אַ קליין שטיבעלע צו וווינען
און מיט מיין חתן וויל איך אויספירן די וועלט".

„אוי, טאָכטער, וואָס גייסטו אַרום אַזוי פאַרסמוטשעט,[1]
וואָס האָסטו נישט דיין מאַמעליו דערציילט?
אוי, גיי אַרויף, מיין קינד, צו דעם דאָקטער,
ער זאָל דיר פאַרשרייבן אַ מעדיצין, וואָס דיר פעלט!"

„בא דעם דאָקטער, מאַמעליו, בין איך שוין געוועזן,
געזעסן בין איך בא אים אין שטיב,
אַ מעדיצין, מאַמעליו, האָט ער מיר פאַרשריבן,
דו זאָלסט מיר געבן דאָס יינגעלע וואָס איך ליב.

אַז מען וווינט אָפּ דריי יאָר מיט אַ שכן,
ווען מ'ציט זיך אַרויס, טוט דאָך אויך באַנג;
איך האָב פאַרפירט דריי יאָר אַ ליבע,
צי קען מען נישט ווערן פאַר צרהלעך קראַנק?"

(הדס מארקעוויטש, לאָדז).

1) פון פויליש: פאַראומערט.

סוף חודש.



סוף חודש אין די האַלבע נאַכט
פלעג איך מיט מיין כלה שפּאַצירן צו גיין,
די האַלבע גאַס האָבן אירע אויגן פאַרלייכט,
אזוי ווי דער טייערסטער שטיין. 1

אלע מענטשן זענען מיך מקנא געוועז,
ס'אַרן כלה איך האָב געהאַט,

1. פארגלייך די סטראָפעס מיט נ' 1.

היינט האָט מען מיר נ'קאָפּ אַראָפּגענומען,
אין טורמע אַריין האָט מען מיך פאַרפּאַקט.

זיסער גאָט, קענסט מיך מיט אַלעם שטראָפן,
אַבי מיין ליבע כּלה גיב מיר צוריק,
אין טורמעס, אין קאַלטן סיביר מעג מען מיך שיקן,
אַבי אויף מיין כּלה צו טון אַ קוק. 1

איך בין שוין צו אַלעמען גרייט,
איך שטעל מיך פאַר קיין זאַך נישט צאַפּ,
אפילו אַף דעם פינצטערן טויט
וואָג איך זיך אויך נישט אָפּ.

(כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע).

XVI

ברידער, זעצט אייך אַנידער.

Moderato.



ברידער, זעצט אייך אַנידער,
שאַפט אייך געטראַנקען,
וואָס אייער האַרץ פאַרלאַנגט.
איך בין יעצט אַליין,

עלנט ווי אַ שטיין,
צייט מיין ליבע האָט מיך פאַרלאָזט.



אויך וויין און קלאָג
מיט ביטערע טרערן,
זי זאָל זיך אומקערן צוריק צו מיר;
זי זאָל מיר זאָגן:
גענוג צו קלאָגן,
אַף אייביק בלייבסטו שוין יעצט ביי מיר.

— שאַ, שאַ, דו וויין נישט,
עס קען דיר גאָרנישט העלפן,
אוי, גאָרנישט קען שוין היילן דיין שמאַרץ.
— כ'האָב געהאַט אַ טעות,
כ'האָב געגלויבט אין שבועות.
אַף אייביק בלייבט אַ וווּנד אַף מיין האַרץ. 1

1) וואַריאַנט:
אַדיעס, אַדיעס,
מיינע ליבע ברידער,
געדענקען זאָלט איר אַלע מיינע רייד:
כ'האָב געהאַט אַ טעות,
כ'האָב געגלויבט אין שבועות,
אין שבועות גלויבן זאָלט איר נישט מיין.
(יאָשקע בערקאָוויטש, וואַרשע).

זי האָט מיך געבעטן,
איך זאָל איר שענקען,
נאָר דאָס וועט קיינמאָל אין לעבן נישט זיין;
פּאָר שבועות ברעכן
וועל איך זי שטעכן —
דערלאַנגט שוין שנעלער, אוי, שנעלער דעם ווייַן!

אַז זי אַ קרבן
פון ראַכע 1 זאָל פאַלן,
נאָר ווי אַזוי וועל איך לעבן אָן איר?
ניין, ניין, לעבן,
ליידן פונדערווייטן,
ביז וואַנען זי וועט זיך אומקערן צו מיר.

(שאַיע ידל זילבערשטײַן, וואַרשע).

XVII

אוי, באַלד וועל איך מיין האַלדז איינציִען,
כ'וועל בלייבן הענגען אַף אַ שנור,
די ליבע, זי וועט אימער אין מיר גליִען.
ס'וועט נישט בלייבן פון לעצטן ביין קיין שפּור.

אַזוי באַלד וועט ווערן אַ גרויס געטימל,
אַלע מענטשן וועלן לויפן דעם געהאָנגענעם זעען,
נאָר איינע, זי וועט נישט זיין באַ מיין פאַרזאַמלונג,
ווייל מיין בילד וועט איר אַנטקייגן שטיין.

דאָקטוירעם, זיי וועלן מיך באַטראַכטן,
חברה-קדושא וועלן מיר געבן אַ קבר אין די זייט,
וויפל מענטשן וועלן מיך אין זינען האָבן צום שלעכטן: 2
ווי נעמט זיך אַ מענטש אַליין דעם טויט.

---

1) נקמה.

2) וויסגערגדט ; פלאַכטן.

אַדיעס, פעלדער מיט אייערע גרעזער,
אַדיעס, פייגעלעך מיט אייער געזאַנג,
אוי, מער וועל איך אייך שוין נישט זעען,
איך געזעגן זיך אַף אייביק און שוין אַף לאַנג.

גיט אָפּ אַ גריס מיין טאַטן,
ער זאָל קומען אַפן בית-עולם גלייך צו גיין,
ער וועט שוין נישט רעדן צו מיר דורך די קראַטן,
וואָרום מער וועל איך שוין דאָרט נישט זיין.

נאָר מיט דיר, מיין כּלה, האָב איך פיל צו רעדן,
דיר שענק איך אַלעס, ווייל כ׳האָב דיך ליב,
דורך דיר טו איך אַלעס ליידן
ביז אין דעם פינצטערן גריב.

(כאַנטשע קרופּקע, ווארשע).

XVIII

אוי, אַלף-בית האָב איך געלערנט.



אוי, אַלף-בית האָב איך געלערנט אין חדר,
כ׳האָב ליב געהאַט צו אַנטלויפן כסדר.

אַ קערטעלע האָב איך ליב געהאַט צו שפּילן,
אַ ליבעלע האָב איך ליב געהאַט צו פירן.

כ׳בין אַריין צו מיין פאָטער אין גאַבינעט,
האָב איך אַ פינפאונצוואָנציקער אַרויסגעשלעפּט.
כ׳האָב געמיינט, אַז קיינער וועט נישט וויסן,
כ׳האָב באַהאַלטן באַ מיין כלה אונטערן קישן.

כ׳בין אַרויס מיט מיין כלה אין גאַס שפּאַצירן,
כ׳האָב געוואָלט מ׳זאָל אַף איר נישט קוקן;
כ׳האָב געמיינט די ליבע וועט זיך אויספירן,
די שונאים וועלן קוקן און דריקן.

כ׳בין אַריין צו מיין כלה אין גאַבינעט
האָב איך איר געגעבן אַ קוש און אַ גלעט.
אוי, ברידער, זעט נאָר וואָס דאָס איז פאַר אַ וועלט,
מען מיינט נישט די ליבע, נאָר דאָס געלט.

(פנחס געדולט, וואַרשע).

XVIII a (וואַריאַנט).

מיין פאָטער האָט געהאַט אייגענע הויפן,
פון דאָרט האָב איך געטון אַנטלויפן;
אין אַ קערטעלע האָב איך געטון שפּילן
און אַ ליבע האָב איך געטון פירן.

די ליבע האָט מיר געטון שעצן און נעמען,
צום גאַנוועגען האָב איך זיך געטון נעמען;
קיין גאַנוועגען איז מיר קיינמאָל נישט געגאַנגען,
דאַרום האָט מען מיך געטון פאַנגען.

איך בין אַרויף צו פּאַסקעוויטשן דעם גרויסן גראַף,
איך בין אַריין מיט אַ גרויס געוועש.

נאָסע טיכער האָט מען געטון צו מיין לייב נעצן,
אין אָסטראָג 1 האָט מען מיר געטון זעצן.

אין אָסטראָג איז דאָך זער ביטער,
דער גובערנאַטער האָט מיר פאַרמשפּט אַרעסטאַנטסקע ריטער.
די ריטער טון דאָך ברענען און קלעמען
עס טוט אַזש באַם הארצן נעמען.

איך בין אַריין צו מיין פאָטער אין גאַבינעט,
איך האָב אוועקגעגאַנוועט א צענרובלדיקן בילעט.
איך האָב געמיינט אַז קיינער וועט נישט וויסן,
איך האָב אוועקגעלייגט צו מיין געליבטע אונטערן קישן.

איך בין געפאָרן אַף שיפן און אַף ימען,
איך האָב נישט געטון פאָלגן קיין טאַטן און קיין מאַמען.
צו דיר, מיין לעבן, וועל איך שווימען
און צו דיר, מיין לעבן, וועל איך קומען.

(בריסק-ליטאָווסק).

XIX

איך האָב ‹ יך ליב.



איך האָב דיך ליב
גאָר אָן אַ שיער,
קיין באָנעס-איירע 2
פאָר איך מיט דיר.

(וואַרשע).

---

1) רוסיש: תפיסה.
2) בוענאָס-איירעס.

XX

אוי, ווער ס'זאָגט.



אוי, ווער ס'זאָגט, אַז אַ גנב איז אַ גליק,
אַ גנב איז אַן אומגליק אַף די וועלט,
אַ גנב איז אַ וואַרע[1] טשאַכאָטקע,
איבער די גנבורת גייען יינגע מיידעלעך פון די וועלט.[2]

---

1) דייטש: אמתע.

2) לויטן טעקסט און מאָטיוו פון דעם פּאָפּולערן ליבע-ליד:
„אוי, ווער ס'זאָגט, אַז ליבע איז אַ גליק,
אַ ליבע איז אַן אומגליק אַף דער וועלט,
אַ ליבע איז אַ וואַרע טשאַכאָטקע,
דורך דער ליבע גייען יינגע מיידלעך פון דער וועלט".
פאַרגלייך דעם וואַריאַנט בײַ מ. קיפּניס, II, ז' 7.

אוי, ליגן ליג איך מיר אף די נארע,
דעם קאפ צו די הענט איינגעבויגן,
אז איך דערמאן מיך אין מיינע יינגע יארן,
טייכן טרערן טון זיך גיסן פון מיינע אויגן. [1]

(שלמה וויינבערג, ווארשע).

XXI

אויף די טרעפעלעך.



אף די טרעפעלעך זעמיר ביידע געזעסן,
דיינע אייגעלעך זענען געוועזן פארוויינט,
דער זייגער האט שוין צוועלפע געשלאגן:
פיר מיך, דושקעניו, אהיים.

---

1) וואריאנט: אוי, זיצן זיץ איך מיר אין דעם צימערל,
דעם קאפ צו דעם טיש צוגעבויגן,
אז איך דערמאן מיך אין מיינע געטרייע עלטערן,
פיל טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן.

אוי, זיצן זיץ איך מיר אין די טורמע,
דאס פענצטער מיט קראטן פארצויגן,
אז איך דערמאן מיך אין מיין געטרייע לובטשע,
פיל טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן.
(מירל ערדבערג, קוטנע, ווארש' וו').

אַזוי ווי כ׳בין נאָר צום טויער צוגעקומען,
דאָס פאָרטקעלע איז געווען פאַרמאַכט,
אַף זיין קוואַטירעלע האָט ער מיך גענומען
און ער דהאָט מיך צו שאַנד געבראַכט.

דו ביזט דאָך אַ יינגעלע אַן אורקע,[1]
כ׳קען דיך מסרן ס׳זאָל נעמען פון דיר אַן עק, —
לאָמיר ביידע אַ דהופּהלע שטעלן,
און לאָמיר ביידע קיין אַרגעטינע[2] אַוועק.

אַזוי ווי כ׳בין נאָר קיין אַרגעטינע געקומען,
פאַר אַ פּרויענצימער[3] דהאָט ער מיך געמאַכט;
אָפּגעצענטעוועט[4] זאָלן ווערן זיינע יאָרן,
וואָס ער דהאָט פון מיר אַ תל געמאַכט.

(שמואל הערש וואַרשאַווסקי, וואַרשע)

XXII

פיל טרערן דהאָב איך פאַרגאָסן,
צייט כ׳דהאָב דיך, ליבער, דערקענט,
מיינע עלטערן דהאָב איך געטון פאַרלאָזן,
כ׳האָב מיך איבערגעגעבן צו דיר, מערדער, אין די הענט.

דזיינט בין איך עלנט, עלנט, ווי אַ שטיין,
כ׳דהאָב מיך נישט צו קיינעם צו קערן,
דו דהאָסט באַ מיר מיין ערע אַזוי יינג צוגענומען
און יעצט ווילסטו פון מיר נישט דהערן.

1) אורקע: אַ גנב.
2) אַרגענטינע.
3) פרויענצימער: אַ גאַסנפרוי.
4) אָפּצענטעווען: אָפּז צן אין תפיסה.

מיט דיינע זיסע רייד האָסטו מיך איבערגענומען,
האָסט מיר צוגעזאָגט–פיל גוטס און גליקן אסך,
אז דו וועסט אף די פריי ארויסקומען,
דאן וועסטו מיך מאכן גליקלעך און רייך.
  דהיינט בין איך עלנט... אאז״וו.
אין א פרעמדע שטאָט האָסטו מיך פארפירט,
אדהיימקומען קען איך שוין נישט,
וואָס איז דיר דארויסגעקומען, אז דו האָסט מיך איבערגעפירט,
צי ביזטו דען דורשטיק אף מיין בלוט?
  דהיינט בין איך עלנט... אאז״וו.
געדענק נאָר, געדענק נאָר דעם נאָמען פון די ליבע,
אין בעסטן דו וועסט זיין אין א נויט;
אין געזעגן זיך מיט דיר שוין דאָס לעצטע מאָל
און מאָרגן טרעפסטו מיך שוין טויט.
  דהיינט בין איך עלנט... אאז״וו.

(מרים האָכבערג, גארוואָלין, ווארש׳ וו׳).

XXIII

די פייערדיגע ליבע.



אוי, די פייערדיקע ליבע,
וואָס טוט אין מיין הארצן ברענען,
אוי, כ׳האָב דיך ליב, לובטשע-לעבן,
נאָר אונדזביידע קעמיר זיך נישט נעמען.1

ווארי‌אנטן: גינזבורג און מארעק נומ׳ 175, י. פ. כהן, I, III, 5.

— וואַס דהאָט דיר דיין מאַמעליו געטון זאָגען,
וואָס האָט דיר דיין מאַמעליו געטון ריידן?
— מיין מאַמע זאָגט, זי וויל קיין גנב נישט,
מיר מוזן מיר זיך צעשיידן.

— אוי, וואָנט אַרויס, דו גנב, אוי, וואָנט אַרויס, דו לאָבוז,
צו מיר אין שטוב אַריין זאָלסטו נישט קומען,
או, אַלע ציין וועל איך דיר או סדהאַקן,
און מיין טאָכטער וועסטו נישט נעמען.

— איך בין צו אייך נישט געקומען,
איך דהאָב מיט אייך נישט וואָס צו ריידן,
באַ אייך אין שטוב וועל איך אַ מיתה איינגעמען,
מיט אייער טאָכטער וועל איך מיך נישט צעשיידן.

אוי, ליבער גאָט, אין דהימל,
דו זאָלסט מיך מיט אַזאַ שטראָף נישט שטראָפן,
אוי, שטראָף מיך כאָטשיק אין די האַלבע נאַכט,
ווען מיין כאַנטשעלע וועט שוין שלאָפן.

אוי, אין די זיסע דהאַלבע נאַכט,
ווען אלע לאָדנס זענען צוגעמאַכט,
אוי-ווי מיר, כאַנטשעלע,
כ'דהאָב מיך אַף דיר נישט געראַכט (גערעכט).

(בלומע סמאָלניק, וואַרשע)

XXIV

— אַז מ'איז שוין מיט אַ חתן ברוגז,
ווי איז אַ כלה אַזוי פאַרהאַסט,
אוי, אַז טאָמער דו וועסט דיך נישט וועלן איבערבעטן,
לייזן וועסטו געפּאַטשט.

— די פּעטש וועל איך צונעמען,
דיין כּלה וועל איך נישט זיין.
אוי, דו מעגסט שוין אפילו מיטן קאָפּ פּאַרלייגן,
אַנדערש וועט שוין נישט זיין.

אוי, קוקטס נאָר אָן דעם ווילניינג,
פּאַר וועמען ס'איז מורא צו האָבן,
מיין צווייטער חתן איז נאָך נישט דער גאַנצער יאָלד.
ער זאָל לאָזן זיין כּלה שלאָגן.

(דוד בירנבוים, וואַרשע).

XXV

אוי, קאַנאַוואָיען.



אוי, קאַנאַוואָיען, אוי, אַך, קאַנאַוואָיען,
בלייבט דאָ אַ ביסל שטיין,
bis (לאָזט מיך די שטאָט אָנקוקן,
(זעט, איך בעט אייך מיט געוויין!

פאַר די שלעסער, וואָס איך האָב געבראָכן,
האָט מען מיך אין קייטן געשמידט;
פון מיין טייערע ליבע האָט מען מיך אָפּגעריסן
און קיין סיביר האָט מען מיך פאַרשיקט.
bis

אוי, די קייטן זיי זענען אַזוי שלעכט,
זיי ווילן נישט אויפהערן קלינגען;
מיינע שומרים, וואָס זענען בײַ מיר באַוואַכט,
זיי לאָזן מיך דאָס ליד נישט אויסזינגען.
bis

הערטס אויס, מענטשן, זינגען דאָס ליד,
וועט איר די ווערטער גלייך פאַרשטיין:
אוי, די ליבע איז די שטאַרקסטע זאַך
און דורך איר מוז איך קיין סיביר גיין,
bis

(שמואל שטאַרק, וואַרשע).

XXVI

אזוי ווי איך האָב נאָר



אַזוי ווי כ'האָב נאָר אָנגעהויבן קאָרטעלעך צו שפּילן,
פייגעלע, קעצעלע מיין,

חאָב איך מיר שוין געמוזט אַ גנבֿל ווערן.
פייגעלע, קעצעלע מיין.

אזוי ווי כ'ד־האָב נאָר אַרויסגעצויגן, אוי, דאָס ערשטע צווייטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מיין,
האָב איך מיר שוין פאַרשפילט דעם זייגער מיט דעם קייטעלע.
פייגעלע, קעצעלע מיין.

אזוי ווי כ'האָב נאָר אַרויסגעצויגן, אוי, דאָס שיינע דריטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מיין,
האָב איך מיר שוין פאַרשפילט דאָס שיינע באַראַנקאָווע היטעלע.
פייגעלע, קעצעלע מיין.

אזוי ווי כ'האָב נאָר אַרויסגעצויגן, אוי, דאָס שיינע פאַרטעלע (פירטעלע).
פייגעלע, קעצעלע מיין,
האָב איך מיר שוין פאַרשפילט דאָס זיידענע גאַרטעלע.
פייגעלע, קעצעלע מיין.

אזוי ווי כ'האָב נאָר אַרויסגעצויגן, אוי, דאָס שיינע פיפטעלע,
פייגעלע, קעצעלע מיין,
האָב איך מיר שוין פאַרשפילט דאָס שיינע קליפּטעלע. 1
פייגעלע, קעצעלע מיין.

(אברהם אייגוויינער, לובלין).

XXVI a (וואַריאַנט).

כ'האָב אָנגעהויבן שפּילן אַף דעם גוטן צווייטל,
קעצעלע, לי-ליו מיין,
אוי, כ'האָב שוין פאַרשפילט דאָס גאָלדענע קייטל.
קעצעלע, לי-ליו מיין.

---

1) קליפּט: אַן אויבערמאַנטל, אַ פּאַלטן.

כ'האָב אָנגעהויבן שפּילן אַף דער גוטער טויז,
קעצעלע, לי-ליו מיין,
אוי, דאָס געלט לאָזט זיך מיר שוין אויס.
קעצעלע, לי-ליו מיין.

כ'האָב אָנגעהויבן שפּילן מיט דער טויז אייכל,
קעצעלע, לי-ליו מיין,
אוי, כ'האָב שוין פאַרלוירן דעם גאַנצן שכל.
קעצעלע, לי-ליו מיין.

אוי, אַצינד מעג שוין די מאַמע וויסן,
קעצעלע, לי-ליו מיין,
און לאָמיר זיךביידע צעקושן.
קעצעלע, לי-ליו מיין.

(אָדעס).

XXVII

מיין חתן האָט פאַרזעצט די מאַרינאַרקע.



מיין חתן האָט פאַרזעצט די מאַרינאַרקע,
ער איז געגאַנגען שפּילן אין שטאָס,1
ר'האָט זיך גענומען אַ צווייטע קאָכאַנקע2
און מיך האָט ער אַדורכגעלאָזט.

---

1) שטאָס: אַ קאָרטנשפּיל, וואָס איז זייער פּאָפּולער אין אונטערוועלט.
2) פויליש: געליבטע.

װער ס'האָט פאַרשפּילט,
מײַן חתן האָט געװײנט,
ער האָט געזען װי שײן איך בין
און ר'האָט מיך צוריקגענומען.

(לײבל קאַפּטשוק, װאַרשע).

XXVIII

פריידע רבקה׳לע.



פריידע-רבקהל׳ע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
פאַר טשיפּעלעס געװעלב[1] איז זי געבליבן שטײן,
אַדורכגעגאַנגען דוד-קאָמבינאַטאָר:
bis „פריידע-רבקהלע, די מוזט פאַרבלײבן מײַן."

פריידע-רבקהל׳ע, זי האָט נאָר דאָס דערהערט,
האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגירן:
— פריידע-רבקהל׳עבן קום אַ ביסל װײטער,
bis לאָמיר אַביסל בײדע גײן שפּאַצירן.

1) אַ טײהויז אין װאַרשע, װוּ דער עולם פון דער אונטערװעלט קומט זיך צונויף.

שפּאַצירן זענען זיי ביידע געגאַנגען,
אין אַ פינסטערן וואַלד זענען זיי געבליבן שטיין:
„אַצינד ביזטו דוד אַ קאָזאַק, (bis)
ווייל איך בין דאָ איינע אַליין.“ (bis)

פריידע-רבקהלע איז אין שטוב אריינגעקומען:
– מאַמעליו, דאָס קעפּלע טוט מיר וויי.
– אפשר זאָל איך לויפן נאָכן דאָקטאָר,
ער וווינט אַף די לעשנ דהונדערט צוויי.

(דוד בירנבוים, וואַרשע)

XXIX

אז די מיהלען מאַלען זיך.



אַז די מילן מאָלן זיך,
ציטערן די שטיינער;
אַז שרה מיט משה קישן זיך,
זעט דאָך נישט קיינער.[2]

1) לעשנא גאַס אין וואַרשע.
2) וואַריאַנט — ש. באַסטאָמסקי „ביים קוואַל“ ז' 126.

אָפּגעקישט און אָפּגעגליעט, —
אַוועקגעשטעלט דעם בעכער;
אַליאַדע גוווניאַזש, 1 אַליאַדע לאַטעק 2
ווערט אַ קאָמבינאַטאָר. 3

(ביילע קאַרטשעווסקאַ, וואַרשע).

XXX

אַלע וואַסערלעך.



אַלע וואַסערלעך זיי גייען איבער,
אַלע גריבלעך זענען ליידיק;
אויסגעריסן זאָל יאָסעלע-גנב ווערן,
ער האָט מיך פֿאַרוויסט אַף אייביק.

---

1) גוווניאַזש: אַ יינגל, אַ נישט דע וואַקסענער מענטש. — כוו"ב I 891 ,gówniarz, 2).

2) לאַטעק: אָרעמער, נידעריקער סאָרט מענטש. — פוו"ב II 890 ,łatek, 1).

3) די לעצטע שורות זענען איבערגעאַרבעט לויט אַ סטראָפע אין אַ ליבע-ליד, וואָס איז באַקאַנט געווען אין דער צייט פון דער פרייהייטס-באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד:

> אַ קאַמאַשנמאַכער נעמט צען גילדן ס'טיק,
> עס קלעקט נישט אַף קיין קלסטער,
> היינט אַ ליאַדע יינגל
> וויל באַלד ווערן אַ מייסטער. (וואַרשע).

א נייע מאָדע איז היינט אַרויסגעקומען,
די מיידלעך זאָלן זיך גוט צירן;
אויסגעריסן זאָל יאָסל-גנב ווערן,
וואָס ער האָט מיך געטאָן איבערפירן.

(ביילע קאַרטשעווסקאַ, וואַרשע).

XXXI

גײה איך פֿון מײַן ארבייט.



גיי איך מיר פון מיין אַרבעט,
קלאַפּ איך אָן באַ מיין מאַמעליוס טיר,
גייט פאַרביי דאָס קליינע גנבל
און זאָגט, ער וויל שפּאַצירן גיין מיט מיר. יאָ, יאָ.[1]

מיין מאַמעליו האָט דאָך מיר צוגעזאָגט,
זי וועט דאָך מיך שלאָגן,
אַז אונדז ביידע וועלן שפּאַצירן גיין,
וואָס וועלן לייטן זאָגן. יאָ, יאָ.

---

1) וואַריאַנט: פרייטיק צו נאַכטס נאָך דעם עסן —
באַ מיין מאַמעליוס טויער,
גייט פאַרביי אַ יינגעלע אַ קאַמאַשנמאַכער
און ליבט זיך איין אין מיר. יאָ, יאָ.

(וואַרשע).

זע אויך י. ל. כהן. I, VI, 1.

— הער נאָר דו שיין מיידעלע,
וואָס האָסטו מורא פאַר לייטן?
אַז אונדז ביידע וועלן שפּאַצירן גיין,
אַף שמאָלע-מילע גאַס אין די זייטן. יאָ, יאָ.



ער[1] האָט זי גענומען, ער איז מיט איר געגאַנגען
אַרויס אַף די סמאָטשע גאַס,
צו יצחק פּאָליאַק[2] האָט ער זי אַרויפגעפירט,
דאָרטן האָט ער זי פאַרפּאַסט.[3] יאָ, יאָ.

אַזוי ווי זי איז דאָרטן אַרויפגעקומען,
האָט זי געגעבן די פשידופּניקעס[4] די האַנט;
זיי האָבן אָנגעהויבן אַזעלכע רייד צו רעדן,
אַז זי איז געבליבן טויט ווי די וואַנט. יאָ, יאָ.

— הער נאָר דו שיין מיידעלע,
וואָס טוסטו דיך אַזוי איבערנעמען?
דאָ איז נישט פאַראַן אַזעלכע וויטישע[5] יינגלעך,
וואָס מ'דאַרף זיך פאַר זיי צו שעמען. יאָ, יאָ.

---

1) דער מאָטיוו פונדאַנען חורט זיך איבער גלויז בא דער לעצטער סטראָפע.
2) וואַריאַנט : סאָדאָווניק.
3) פאַרפּאַסן : אַוועקגעבן, פאַרקויפן בסוד.
4) פשידופּניק : אַלפאָנס, „חתן" פון גאַסנמיידל.
5) וויטישער: אַזעלכער, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער אונטערוועלט.

ער דהאָט זי גענומען, ער איז מיט איר געגאַנגען
אַרויס אַף די פּראַגער בריק,
טשעקאָלאַדעס מיט טשאַסטעס האָט ער איר געגעבן,
אַף די פּיקעטע 1 דהאָט ער זי געשיקט.

(חנה-אסתר ווייכבראָד, וואַרשע).

XXXII

מײַן מאַמעליו, מײַן טאַטעליו.



מיין טאַטעליו, מיין מאַמעליו, זיי פלעגן מיך שטענדיק וואָרענען,
זיי פלעגן מיך שטענדיק וואָרענען:
קייגן אַ יינגעלע זאָל איך מיך דהאַלטן גרויס.
אוי, גאָט אין דהימל, גאָט מיין געטרייער,
נעם מיך פון זייערע דהענט אַרויס!

1) פּיקעטע — דאס אָרט אין גאַס, וווּ די אויסגעלאַסענע פרויען דרייען זיך אַרום אַפֿן פאַרדי סט.—פּו"פּ IV 187 pikieta (קאַטאַוועסדיק) „גאַסנפרוי", וואָס וואַרט פאַרן הויז".

אַזוי ווי דאָס וויטישע מיידעלע איז אין פּאַרטיע[1] אַרייַנגעקומען,
איז אין פּאַרטיע אַרייַנגעקומען,
מיט אַלע ייִנגעלעך האָט זי געטון ראַלירן,
פלוצלינג הערט מען אין די פּאַרטיע,
אַז מ׳גייט איר יאָסלען אונטערפירן.[2]

אַזוי ווי זי האָט דאָס דערהערט, האָט דאָס דערהערט,
האָט זי זיך געטון באַדענקען, —
אַזוי האָבן זיך אָנגערופן אַלע פּעיִצטשעלעס[3]
„אוי, שרה מ׳וועט דיר דאָס נישט שענקען."

אַזוי ווי יאָסל איז אַף די דזשיקע גאַס געגאַנגען,
אַף די דזשיקע גאַס געגאַנגען,
בײַ דזשיקע צוועלף איז ער געבליבן שטיין,
אַדורכגעגאַנגען שרה מיט צוויי ייִשטשיקעס:[4]
„אוי, יאָסל, אין צירקל מוזטו גיין."

אַזוי ווי יאָסל האָט דאָס דערהערט, האָט דאָס דערהערט,
איז ער געבליבן דערשראָקן שטיין,
אַזוי האָט ער זיך אָנגערופן:
„בײַ דעם ערשטן וואָרט זאָלסטו זאָגן, אַז „ניין".

---

1) פּאַרטיע: אַ קרייז פון בחורים מיט מיידלעך, וואָס האַלטן זיך אין פּרייַנטשאַפט און קומען זיך אָפט צוזאַמען.

2) וואַריאַנט:

פייגע די ניאָבע איז אין פּאַרטיע אַרייַנגעקומען,
האָט זי צוגעהויבן שטאַרק צו רעגירן;
אַ גלאָס האָט זיך געהערט אין די פּאַרטיע,
אַז מענדעלע-קוטשער וויל זי איבערפירן.

3) פּויליש: פרייַנט.

4) פון רוסיש: сыщик — אַגענט פון קרימינאַל-פּאָליצײַ.

אזוי ווי שרה איז אין צירקל אריין געקומען,
אין צירקל אריין געקומען,
געזאָגט אז „יאָ” האָט זי בא די ערשטע רייד,
אזוי האָט מען אים אָפּגעשיקט
אין ביורע-שלעסטווע געשלאָסענערהייט.

אזוי ווי ער איז אין ביורע-שלעסטווע געקומען,
אין ביורע-שלעסטווע געקומען,
אזוי איז ער געבליבן שטיין,
האָבן זיך אָנגערופן אלע פּשיאַטשעלעס:
„צוליב א כלה זאָלסטו אין קייטן גיין.”

אזוי ווי יאָסל איז אין קאמער געזעסן, אין קאמער געזעסן,
געזעסן איז ער פארטראַכט,
פלוצלונג הערט ער קלינגען מיט די שליסעלעך—
שרה האָט א וואלוווקע געבראַכט.

(ווארשע).

XXXIII

וואָס געהסטו ארום אזוי פאַרסמוטשעט.



וואָס גייסטו אַרום אַזוי פאַרסמוטשעט,
וואָס גייסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
אפשר ווילסטו וויסן ווער ס'איז דיין משפּחה,
קען איך דיר זאָגן ווער און וואָס.[1]

דיין טאַטע איז אַ סמאַרעוואָזניק,[2]
דיין מאַמע גנבעט פיש אין מאַרק,
דיין ברודער איז אַ גרויסער יונה[3]
און דיין שוועסטער איז אין בוינע.[4]

נאָר איך אַליין בין דאָס פיינע מיידל,[5]
אין מיר ליבט זיך אַ יאַט,
אפשור ווילסטו, מאַמינקע, מיר נישט גלייבן, —
האָב איך שוין חתונה געהאַט.

(אברהם-יצחק ווייגריב, שעברעשין, כלמ' קרייז).

1) וואַריאַנט — פנחס גראַובאַרד „לידער פון תהום" (פיי אונז יודן).
2) סמאַרעוואָזניק: אַ רעדערשמירער אף דע- איי:נבאַן. — (פור"ב Smarowóz 239 VI).
3) יונה: אַ נאַר, אַ לא-יצלח.
4) בוינע — בוענאָס-איירעס.
5) וואַריאַנט:

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
פארגעס זאָלסטו אי גאַנצן,
געזשע מיר די הענטעלע,
וועלן מיר ביידע גיין טאַנצן.

(כאַנטשע קרופקע, ווארשע).

XXXV

פון א שײנע משפחה.



פון א שיינע משפחה קום איך ארויס¹
און איך אליין בין אויך נישט מיאוס, —
וועלכעס שיינע מיידעלע זי קומט אין בלאטן-הויז,²
קיין כח האט זי נישט צו שטיין אף אירע פיס.

---

1) װאַריאַנט — פּנחס גראָובאַרד „געזאַנגבן פון תהום״ (בײַ אונז יודן).
2) בלאָט-הויז — אויסגעלאָסן הויז.

מקנא בין איך דאָס וויטישע מיידעלע,
וואָס זי ווייסט פון קיין גנב נישט;
ס'איז אָנצוזאָגן אַ וועלט מיט שיינע מיידעלעך:
געוואַלד! אַ גנב איז נישט גוט.

אַ גנב איז אַ תקיף, אַ גנב איז אַ מכּה,
אַ גנב נעמט אַרויס פון פּנים די קאָלירן;
וועלכעס שיינע מיידעלע זי באַקענט זיך מיט אַ גנב,
איז דאָך אַ בראָך צו אירע יאָרן.

מקנא בין איך... אאַז"וו.

ער קומט אַריין צו מיר אין שטוב און ער עסט און ער טרינקט
און ער זאָגט, אַז ער האָט מיך אמת ליב;
ער גייט אַוועק פון מיר און ער שוועלירט זיך צו[1] אַ צווייטע
און ער גראָבט שוין אַף מיר אַ גריב.

מקנא בין איך... אאַז"וו.

ער קומט אַריין צו מיר אין שטוב און ער עסט און ער טרינקט,
און ער זאָגט מיר צו גליקן טייער;
ער גייט אַוועק פון מיר און ער ריקט זיך צו אַ צווייטע,
און עס ברענט שוין אונטער מיר אַ פייער.

מקנא בין איך דאָס וויטישע מיידעלע,
וואָס זי ווייסט פון קיין גנב נישט;
ס'איז אָנצוזאָגן אַ וועלט מיט שיינע מיידעלעך:
געוואַלד! אַ גנב איז נישט גוט.

(דוד בירנבוים ווארשע).

---

[1] רוקט זיך צו.

XXXV

שבת אין דער פריה



שבת אינדערפרי
בין איך פאַ״ן טויער געשטאַנען,
איז של״יאַמעק צו מיר צוגעקומען
און ער האָט זיך צו מיר צוגעפּיצט.

אַזוי ווי ר׳האָט זיך געטון צופּיצן,
האָבן מיר זיך ביידע געטון באַשטעלן;
ער האָט געזאָגט ר׳דאַרף צו גיין אַף די ראַנדע,
און ער האָט געטון אַ צווייט מיידעלע געפעלן.

אַזוי ווי זיי האָבן זיך געטון געפעלן,
האָט עס מיך געטון אינטערעסירן;
אַ קאָלעיקע ווילעיינגען האָט ער אָנגעשטעל״ט,
כדי מ׳זאָל מיך טון איבערפירן.

(דוד בירנבוים, װאַרשע).

XXXVI

עס האָט זיך אָנגעהויבען.



עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ערשטע געדריידל,[1]
איז יאָסל געגאַנגען זיצן,
איז אָנגעקומען שלמה קאָמבינאַטאָר
און האָט זיך געטון צו פייגען צופּיצן.

ניין, ניין, ניין, שלמה,
פון אונדז וועט גאָרנישט ווערן,
אַז יאָסל וועט אַרויסקומען פון פּצוויאַק,[2]
וועט ער אונדזער ליבע שטערן.

---

1) גערידער, איבערדרייעניש.

2) וואַריאַנט: אַרויסקומען אַף די פרײַ.

אוי, פייגעלע, דו ביזט דאָך אַ שיין מיידל,
שפּיגל דיך איין אין מיר.
וואָס טויג דיר יאָסל קאָמבּינאַטאָר,
לאָז ער ליגן מיט די פיס צו די טיר.[1]

ניין, ניין, ניין, ניין, שלמה אַאַז״וו.

און נאָך נישט בּאַ קיין טשאַסטעס,
און נאָך נישט בּאַ קיין טיי.
אַוועק דו געמיינער לאָבּוז,
ס׳וועט דיר זיין ווינד און וויי.

און נאָך נישט בּאַ קיין טשאַסטעס,
און נאָך נישט מיט קיין געלט.
אַוועק, דו געמיינער לאָבּוז,
עס איז אַזאַ וועלט.

(וואַרשע).

---

1) וואַריאַנט: אוי, רבקה־לאהלע, דו ביזט דאָך אַ שיין מיידל,
כ׳שפּיגל זיך איין אין דיר,
וואָס טויג דיר יאַנקל פאַר אַ חתן,
זאָל ער גיין אין יענע זייט טיר.

טאָ נעם־זשע קראַנטער מיך,
כ׳וועל אומעטום פאַר דיר גיין,
קאָמבּי־אַציעס וועל איך פאַר דיר צאָלן,
פּראָטעגנסיעס וועל איך פאַר דיר אויסשטיין.

אַזוי ווי אַכט טאָג ס׳איז פאַרבּייגעלאָפן,
האָט משה רבקה־לאהלען נישט געזעען,
ער האָט געוויינט און געקלאָגט אָף זיין חורבן,
ע האָט זיך איינגערעדט, אַז רבקה־לאהלע איז געשטאָרבן.

(בע״ל בירנבוים, וואַרשע).

XXXVII

געלע, אוי, געלע.



געלע, אוי, געלע
איז פארן טויער געשטאנען,
איז חיים דער באַל בסטער
אדורכגעגאנגען.

ער האָט איר פאַרווונטשן
דאָס אײביקע לעבן,
טשעקאָלאַדעס מיט טשאַצקעס
האָט ער איר געגעבן.

ער האָט איר געגעבן
און זי האָט גענומען,
צום סוף האָט די ליבע
אן ענדע גענומען.

איינס און צוויי
און דריי,
מ׳פירט שוין חיים
אין פאַוויאַק אריין.

— געלע, אוי, געלע,
דו וואָלסט נישט פאַרגעסן:
דו זאָלסט מיר ברענגען
אין פאַוויאַק אריין עסן.

(ביילע קאַרטשעווסקאַ, וואַרשע).

XXXVIII

יאַנקעל איז אין פאַוויאַק געזעסן.



יאַנקל איז אין פאַוויאַק געזעסן,
זיינע קאָלעגעס האָבן אים פאַרגעסן,
דערמאָנט האָט זיך די ערשטע כּלה ביילע,
ביילע, וואָס האָט אים געטראָגן די טעפּעלעך עסן.

— ביילע, טו דיר אָן די גאָלדענע רינגען,
זאָלסט נישט גיין מיט קיין צווייטע יינגען.
— — — — — — — —
— — — — — — — —



— זאַרגע דיך אין דר'ערד
און טיפּע מיט די פיס!

איך האָב דיך אָװעקגעװאָרפן,
װײל דו ביזט מיאוס.

װאָלסטו געװען שענער,
װאָלט איך דיך גענומצן,
אַזױ גײ ברעך הענט און פיס
און כ׳װיל דיך שױן נישט קענען.

(בײלע קאַרטשעװסקאַ, װאַרשע).

XXXVIII (װאַריאַנט).

אברהם איז אין פּאַװיאַק געזעסן,
זײנע קאָלעגעס האָבן אין אים גענטון פאַרגעסן,
ער האָט זיך געטון דערמאַנען אין זײן כלה גיטל,
זי פלעגט אים שטענדיק טראָגן עסן.

גיטל, טו דיר אָן די גאָלדענע רינגען,
װאָס אברהם האָט דיר געטון שענקען;
דו זאָלסט נישט גײן מיט קײן צװײטע ײנגען,
ער װעט דיך האָבן צו געדענקען.

אברהם טו דיר אָן די ארבע-כנפע,
װאָס גיטל האָט דיר געטון שענקען;
דו זאָלסט נישט גײן מיט קײן צװײטע מײדן,
זי װעט דיך האָבן צו געדענקען.

(משה קאַװע, װאַרשע).

XXXIX

אוי, האַרשל ווילעריינג
דער גרויסער שלעגער[1] —
הינטער די האַלעס
אַ פלייצע־טרעגער.

פון די אַמנעסטיע
האָט ער פאַרגעסן,
ווען ער איז
אין פאַוויאַק געזעסן.[2]

העי, העי, טרינקען מיר אַלעמביק,[3]
העי, העי, טרינקען מיר אַלעמביק;
העי, העי, טרינקען מיר אַלעמביק,
טרינקען מיר אַלעמביק אַלע אַצינד.

רחל טוט דאָך
וויינען און קלאָגן,
זי האָט נישט פון וואַנעט
קיין פעקל צו טראָגן.

אַלע קאָלעגעס
טון איר ווינקען:
באַ יאַנקל סאַוויצקי
אַלעמביק צו טרינקען.

העי, הע״... אאַז״וו.

אַזוי ווי רחל
איז אין ביורע[4] אַריינגעקומען,
האָבן זיך די בעלפער
צו איר גענומען.

---

1) וואַריאַנט: פליגן־שלעגער.
2) וואַריאַנט: איבער רחלען איז ער אין תפיסה געזעסן.
3) בראָנפן.
4) ביורע פון קרימינאַל־פּאָליציי.

מ'האָט אָנגעהויבן
צו איר צו ווינקען:
זי זאָל גיין צו סאַוויצקין
אַלעמביק טרינקען.

הער, הער... אאַז"וו.

(דינה געלדזינסקי, וואַרשע).

XXXX

איך הייב מיך אָן צו דערמאַנען,
ווער איך בין און פון וואַנען
און ווער מיינע עלטערן זענען פון די היים;
ס'האָט מיך אָן אומגליק געטראָפן:
מיינע עלטערן זענען אַנטלאָפן,
פון מיינע צרות זינג איך אַליין.

ניין, מאַמעליו, דאָס איז פאַר מיר קיין גליק,
אוי, נאַקעט און באָרוועס צו מיין מאַמע צוריק.
אַף מיין הארצן עס ברענט דאָך אַ פייערל,
צוריק צו מיין מאַמעליו געטרייערל;
אין הארצעלע, מאַמעשי, עס ציט מיך נאָר צו דיר.

אוי, באַ מיין כלה בין איך געזעסן,
און זי האָט מיר נישט געגעבן קיין עסן.
זי האָט געזאָגט: „גיי" און זי האָט פאַרמאַכט די טיר —
אוי, זע נאָר, מיידעלע, כ'בין דאָך אין אַ נויט,
שענק מיר אַ שטיקעלע ברויט!
פאַר וועמען פלעג איך גאַנוועגען גיין אַ נישט פאַר דיר.

ניין, מאַמעליו... אאַז"וו.

(חנה באַנק, וואַרשע).

XXXXI

אוי,קום איך מיר ארויס.



קום איך מיר אַרויס
אַף די אָסטראָווסקע גאַס,
גייט פאַרביי אַ קליינער יאַט
און זאָגט, מיין הרתן איז שוין פאַרפאַסט.[1]

אוי-וויי, מזאיר-גורע!
פון דעם פאַוויאַק ביז צו די ביורע, —
אַלע זענען דאָ באַ מיר אין שטוב.[2]

אוי. נעכטן באַ די נאַכט
איז ער געוועזן אַף די פריי,
היינט פירט מען אים,
אין דעם פאַוויאַק אַריין.

אוי-וויי... אאַז"וו.

---

1) פאַרפאַסט: אַ-עסטירט.

2) וואריאַנט: אוי-וויי, באַ מאיר-גורע אין שטוב.

אוי, נעכטן באַ די נאַכט
איז ער געזעסן און געזינגען,
דזיינט פירט מ'אים אין פּאַוויאַק אַריין,
די קייטן טון קלינגען.

אוי-וויי... אאַז"וו.

אוי, נעכטן באַ די נאַכט
בין איך מיט אים געזעסן,
דזיינט טראָג איך צום פּאַוויאַק
די טעפּעלעך עסן.

אוי-וויי אאַז"וו.

אוי, איז דאָס אַ קלוטשניק,[1]
ס'מעג אים זיין צום טויט!
ער וויל נישט עפענען ס'טירעלע,
כ'זאָל אַריינגעבן מיין חתן אַ שטיקל ברויט.

אוי-וויי... אאַז"וו.

אוי, קום איך מיר אַריין
צו טשיפּעלע אין געוועלב:
צי זאָל איך טראָגן וואַלוויקעס,
צי זאָל איך טראָגן געלט?

אוי-וויי... אאַז"וו.

צי זאָל איך טראָגן וואַלוויקעס,
צי זאָל איך גיין צוריק?
גייט-פאַרביי אַ קליינער יאַט
און זאָגט, מיין חתן גייט שוין צוריק.

אוי,וויי... אאַז"וו.

(טשאַרנע אָבאַזשאַנעק, וואַרשע).

1) שליסער.

XXXXI a (וואַריאַנט)

גיי איך מיר אַרויס
אַף די קאַרמעליצקע גאַס,
גייט אַדורך אַ קליינער יאַט
און זאָגט, מיין חתן איז פאַרפאַסט.

אוי, זיי מיר פאַר אַ כפרה,
פון דעם פאַוויאַק ביז צו די ביורע.

נעכטן בין איך געזעסן
און עפּעלעך געגעסן,
היינט מוז איך טראָגן
די טעפּעלעך עסן.

אוי, זיי מיר... אאַז״וו.

גיי איך מיר אַרויס
אַף די סמאָטשע גאַס,
גייט אַדורך אַ קליינער יאַט
און זאָגט, מיין חתן איז פאַרפאַסט.

אוי, זיי מיר... אאַז״וו.

נעכטן בין איך געזעסן
און האָב מיר געזינגען,
היינט מוז איך הערן
די גלעקעלעך קלינגען.

אוי, זיי מיר... אאַז״וו.

(אברהם בירנבוים, וואַרשע).

XXXXII

פֿאַרשאָלטען בין איך.



פֿאַרשאָלטן בין איך פֿון מיין טאָג געבוירן, אוי-ווײ!
פֿאַרשאָלטן בין איך ביז אַצינד,
קראַנטער ווען כ׳זאָלט געווען פֿאַרלוירן,
ווען כ׳בין געווען אַ קליין קינד.

ווען כ׳בין אַ קליין קינד געוועזן, אוי-וויי!
פֿון קיין גנב האָב איך נישט געוויסט,
היינט, אַז כ׳בין עלטער געוואָרן,
האָט זיך מיר גאַנוועגען פֿאַרגליסט.

היינט מוז איך אין תּפֿיסה זיצן, אוי-וויי!
מיט די פֿיר ווענט איינער אַליין,
די נאַכט קומט אָן לייג איך מיך אַנידער
און ווער אַנטשלאָפֿן מיט אַ יאָמערלעך געוויין.

חלומט זיך מיר, אַז כ׳שטיי בײַ דעם גרעסטן גליק, אוי-וויי!
איך בין מיט מיין כּלה ביינאַנד,
איך כאַפּ מיך אויף, זע איך מיין קלאָג:
איך בין דער אייגענער אַרעסטאַנט.

(לובלין).

XXXXIII

איז געקומען דער ערשטער.



איז געקומען דער ערשטער,[1]
כ'האָב געמיינט, ס'איז מיין באַשערטער.
אוי-ווי, מיינע צרות!
זיי טויגן אַלע אַף כפרות.

איז געקומען דער צווייטער,
איז געוואָרן דער קאָפּ פאַרדרייטער.
אוי-ווי... אאַז"וו.

איז געקומען דער דריטער,
איז מיר פינצטער און ביטער.[2]
אוי-ווי... אאַז"וו.

איז געקומען דער פאַרטער (פירטער),
אוי, איז דאָס אַ ביין אַ האַרטער!
אוי-ווי... אאַז"וו.

---

1) וואַריאַנט:
ס'איז געקומען דער ערשטער, צווייטער,
דער קאָפּ איז געוואָרן אַ פאַרדרייטער.

2) וואַריאַנט:
איז מיר געוואָרן זויער און ביטער.

צאיז געקומען דער פיפטער
צוי, איז דאָס אַ יאָלד[1] אַ געביפטער![2]
אוי-וויי... אאַז"וו.

אַזוי זענען אַוועק מיינע יאָרן,
כ'בין גרוי און אַלט געוואָרן.
אוי-וויי, מיינע צרות!
זיי טויגן אַלע אַף כפרות.

(שלמה גאָלדין, ווארשע).

XXXXIV

כ'האב נישט קיין מורא.



כ'האָב נישט קיין מורא
פאַר מיין טאַטן,
כ'האָב מיר גענומען
אַ חתן אַ בלאַטן[3]

וואָס ווּעסטו מיר טון,
כ'האָב אַזוי געוואָלט,
כ'האָב אַדורכגעלאָזט אַ גנב,
כ'האָב גענומען אַ יאָלד.

---

1) יאָלד: אַזעלכער, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער אונטערוועלט.
2) געביפטער: אַ קלוגער.
3) בלאַטער: אַ גנב.

די שונאים וועלן שטיין בײַ׳ן פענסטער,
ס׳וועט זיי שטעכן,
אַף מיינע תּנאים
וועט מען טעלער ברעכן.

זאָרג זיך נישט, ליבע,
נאַ דיר מיין האַנט,
צומאָרגנס אינדערפרי
וועט מען זיין באַקאַנט.

מיר אַף אַ שיף
דיר אַף אַ לאָדקע,
מיר אַ שיין מיידעלע,
דיר אַ טשאַכאָטקע.

(חנה-אסתּר ווייסבראָד, וואַרשע).

XXXXV

אוי, ווײַ, מאמעליו.



אוי-ווײַ, מאַמעליו,
שלאָג מיך נישט,

אַ מאַן אַ גנב
וויל איך נישט.

אַ מאַן אַ גנב[1]
קען פאַרשאַטן,
דאַרף מען גיין
דעם שטימפּ[2] אָפּבלאַטן.[3]

טאָמיר לאָזט זיך
דער שטימפּ נישט בלאַטן,
זאָל אַ רודה
אין זיין טאַטנס טאַטן!

II

ער קומט צי מיר
מיט אַ געדריי,
אוי, מאַמעליו,
כ'בין פאַרביי.

אוי, מאַמעליו,
הער אויף צו זאָרגן,
טאָמיר נישט היינט,
וועט זיין מאָרגן.

---

1) וואַריאַנט:

אַ מאַן, אַ גנב, ער שפּורט זיך אָן,
ער קומט אין שטוב אַריין און זויפט זיך אָן.

אוי, מאַמעליו, קאַטשקעס שווימען,
ווען וועט מיין באַליבטער קומען?

אוי, נישט היינט און אוי, נישט מאָרגן,
וואָס האָט מיין מאַמעליו געהאַט צו זאָרגן.

(פּעסל ראַזינסקאַ, וואַרשע).

2) שטימפּ: דער געליטענער פון דער גנבה.
3) אָפּבלאַטן, בלאַטן: איבערקויפן יענעם.

III

מיין חתן גייט אַ היטל
מיט דריי שפּיצן
ער גייט גאַנוועצנען
און איך גיי טיצן.[1]

וואָס כ'האָב געוואָלט
האָב איך אויסגעפירט
און מיין שיינער
איז געקומען צו מיר.

IV

אוי-וויי,
וויי איז צו מיר!
מיין חתן איז געקומען
האָט ער באַלד געהאַקט אַ טיר.

האָט מען אים אַריינגעוואָרפן[2]
גאָר אָן אַ שיער,
יעצט זיצט ער
אין סיביר.

(שלום ראָזינקין, וואַרשע).

1) טיצן: מיטהעלפן (גנבענען), ווי: פאַררעדן די זייטיקע מענטשן, מאַכן אַ געדראַנג אד״גל.
2) אַריינגעוואָרפן: קריגן געשלאָגן.

XXXXVI

אפשר ווילסטו



— אפשר ווילסטו אַ דאָקטאָר פאַר אַ מאַן, אַ דאָקטאָר פאַר אַ מאַן?

— אַ דאָקטאָרס קיין טאָכטער
בין איך נישט,
יענעמס באַטראַכטן
קען איך נישט.

זיץ איך מיר דאָ אַליין
און קוק אַראָפּ און וויין:
אַלע מיידעלעך האָבן חתונה
און איך בלייב אַליין.[1]

1) וואַריאַנטן: גינזבורג-מאַרעק נומ׳ 244; י. ל. כהן, II, I, 5. — זע אייך ד״ר אַלפרעד לאַנדוי „די יידישע פילאָלאָגיע“, I, ז׳ 333.

— אפשר ווילסטו אַ שניידער פאַר אַ מאַן, אַ שניידער פאַר אַ מאַן?

— קיין שניידערס קיין טאָכטער
בין איך נישט,
זיצן בײַ די מאַשין
קען איך נישט

זיך איך מיר... אאַז״וו.

— אפשר ווילסטו אַ קאָוואַל פאַר אַ מאַן, אַ קאָוואַל פאַר אַ מאַן?

— קיין קאָוואַלס קיין טאָכטער
בין איך נישט,
אַ פּאַדקאָווע אָפּן פערד קלאַפּן
קלאַפּ איך נישט.

זיך איך מיר... אאַז״וו.

— אפשר ווילסטו אַ פּאַסטוך פאַר אַ מאַן, אַ פּאַסטוך פאַר אַ מאַן?

— קיין פּאַסטוכס קיין טאָכטער
בין איך נישט,
פּאַשען די שאָף
קען איך נישט.

זיך איך מיר... אאַז״וו.

— אפשר ווילסטו אַ סאָלדאַט פאַר אַ מאַן, אַ סאָלדאַט פאַר אַ מאַן?

— קיין סאָלדאַטס קיין טאָכטער
בין איך נישט,
די ביקס האַלטן
קען איך נישט

זיך איך מיר... אאַז״וו.

— אפשר ווילסטו אַן אָפּיציער פֿאַר אַ מאַן, אַן אָפּיציער פֿאַר אַ מאַן?

— קיין אָפּיציערס קיין טאָכטער
בין איך נישט,
קיין סאָלדאַטן פֿאַרשירן
קען איך נישט.

זײַ איך מיר... אַזױ.

— אפשר ווילסטו אַ גנב פֿאַר אַ מאַן, אַ גנב פֿאַר אַ מאַן?

— אַ גנב פֿאַר אַ מאַן
וויל איך יאָ,
אַ גנבס אַ טאָכטער
בין איך יאָ,
יענעם באַגאַנוועגען
קען איך יאָ.

זײַ איך מיר דאָ אינמיט
און קוק אַראָפּ און קוק:
אַלע מיידעלעך האָבן חתונה
און איך אינדערמיט.

(הירש רעמעט, ווארשע, 1915).

דריטע אפּטיילונג

אָנמערקונגען און הוספות

צו אָפּטיילונג I

די קלישן פון די נאָטן זענען געמאַכט געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק און דער טעקסט אַף זיי איז מיט דער אַלטער אויסלייגונג.

צום ליד I

וואַריאַנט:

אין קאָזע[1] זיץ איך מיר אין גרויסע יסורים,
זיי ווילן מיך נאָר מוטשען.
זיי מאַכן זיך שטענדיק סעודות-פּורים,
זיי ווילן, אַז איך זאָל זיי קוויטשען.

ווי איז דען מעגלעך מער צו זינגען,
ווען די צרות פּרעסן!
איך זאָל דאַרפן דאַנקען דעם מענטש,
וואָס ער ברענגט מיר אַריין דאָס עסן.

אוי, די כּוחות גייען מיר אויס
פאַר דורשט און פאַר הונגער,
עס דערמאַנט זיך קיינער נישט אין מיר,
אין מיר דער שיינער זינגער.

איך הייב אָן צו וויינען און צו שרייען
און מאַך אָן אַ גרויס געדרודער, —
אָט זיי טראַכטן און זיי מיינען,
אַז איך זינג זיי שוין ווייטער לידער.

---

1) קאָזע: תּפיסה, אַרעסט-הויז. פּויליש: Koza. —

אוי, דו גאָט, דו געטרייער,
דו ווייסט ווי שלעכט די אָרעסטאַנטן זענען, —
שיק אַראָפּ פון הימל אַ פייער
און טו דאָס גאַנצע הויז פאַרברענען.

פיר מיך, גאָט, אַהיים,
מיין פריש לייב צו דערקוויקן,
דעם מערדער דעם רוצח
זאָל איך נישט אָנקוקן.

1909 (יוסף מייזעל, מעזריטש, שעדל׳ ווי׳).

LXXXVI נאָך א וואַריאַנט — פנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום״ (ביי אונז יודען).

קענטיק איז, אז די לידער שטאַמען פון דעם טעאַטער־שפּיל: „צוויי קערפּער מיט איין זעלע״. — אָדער „דער פרומער אפיקורס״. — טעאַטער־שפּיל. — קאָמעדיע אין פינף אַקטן (10 אָבראַזען). — פערפאַסט פון אברהם גוסבוים אין ווארשא. — הערויסגעבער פון פאַרשידענע אינטערעסאַנטע ראָמאַנען. — הובא לבית הדפוס ע״י ה״ר יעקב מהר״שק מפולטוסק. —וואַרשא. — דרוק אונד אויפלאַגע פאָן ר׳ חיים קעלטער נ״י. —ברחוב נאָוואָליפּיע נומר 11. — שנת תרמ״א לפ״ק.

דאָס ליד זינגט די קעכן אין 1־טן אַקט 4־טע סצענע.

1

ביטער איז מיר אַזוי ווי גאַל,
ווי גיפט פון די ברענענדיגע שלאַנגען.
קלאָגט און וויינט, נעבעך, דער נאַכטיגאַל,
ווען ער ווערט אין נעץ געפאַנגען.
איך וועל שוין מער די וועלט נישט געניסען,
אַך, ביטער איז מיר און זויער!
מען וועט מיך שוין באַלד פאַר שליסען,
אַזוי ווי אונטער אַ פעסטען מויער.

2

אַך! ווי זעה איך דאָרט די פויגעל פליען,
איך קוק דאָס נאָר צו מיט מיינע אויגן,

איך וואָלט זיי גערין דאָס נאָך געטהוען,
און זייא וואָלט איך נאָך געפלויגען.
איך זאָל דאָך אויך דיא וועלט גענאָסען,
און געכאַפּט דיא פרישע לופט וויא זייא,
מען האָט מיך דאָ אָבער פעסט פערשלאָסען,
אַך, ווינד איז מיר און ווייא!

3

זייא פליען זיך אויף דיא בלומען פעלדער,
וואָס קען שוין זיין עפּעס ליעבער,
אויף דיא העכסטע בוימער אין דיא וועלדער,
בויען זייא זיך זייערע שטיבער.
אַזוי לעבט דער מינצטער מאַן, דער גליקליכער,
וואָס ער האָט נאָר אויף זיך פליגעל,
און איך ליג דאָ אין דער פינצטער,
וויא פאַר שפּאַרט מיט אַ ריגעל.

4

אַך! וואָס טוא איך הערין מיט מיינע אויערען,
נאָר שרעקליך וויינען מיט קלאָגען:
איינער שרייט, ער איז פאַר לוירען,
דער צווייטער שרייט, ער איז דער שלאָגען.
אַזוי טהוט מען הערען נאָר אויף דער וועלט,
שרעקליכע סצענעס מיט טרויעריגע שטימען,
וואָס איינער וויל, וואָס אים נאָר גיפעלט,
קען ער בשום אופן ניט געפינען.

5

אין שטייגעל זיץ איך מיט גרויסע יסורים,
זייא טוען מיך נאָר מוטשען,
זייא מאַכען זיך מיט מיר נאָר סעודות־פורים,
זייא פאַר לאַנגען איך זאָל זייא קוויטשען.

אַך! וויא קאָן מען דאַמאָלס זינגען,
ווען דיא צרות טוען מיין הארץ פרעסען!
איך בין דאָך אָבער דער צו געצווינגען,
איך פאַר דין מיר דער פאַר מיין עסן.

6

דער מענש קען קיין מאָל ניט זיין צופרידען
אין זיין גאַנץ לעבען,
ער לאָזט זיך קיין מאָל באַגעניגען,
וואָס דער ליעבער גאָט טהוט עם געבין.
איינער שרייט: איך בין נע ונד פון מיין היים,
געוואַלט, איך בין דאָך שוין פערבייא!
אונד איך בין מקנא דעם,
וואָס ער איז אויף דער פרייא.

7

אָך, דוא גאָט, דוא געטרייער,
וויא שלעכט דיא מענשען זענען!
פון הימעל שיק אראָב אַ פייער,
ער זאָל דאָס הויז פאַר ברענען.
איך זאָל קענען ווידער פליען הויך
אונ מיט פרישע לופט זיך דער קוויקען,
אונ דיא בעל הבאָסטע דעם רוצח,
אַבי שוין ניט מעהר צו אָנקיקען.

צום ליד III

וואַריאַנטן — פנחס גראַובאַרד „געזאַנגען פון תהום“ XIa, XI.

צום ליד V

דאָס ליד איז געבויט לויט די ווערטער און מעלאָדיע פון דעם פּאָפּולערן פּוילישן גנבים-ליד:

Świeci księżyc, świeci,
Na przeciwko słońca.
Na moje nieszczęście) bis
Nigdy niema końca.)

Nigdy niema końca
I koniec nie będzie,
Bom się dał zapisać) bis
W Warszawskim urzędzie.)

W Warszawskim urzędzie
Ładne pomieszkanie,
Nie jeden zapłacze) bis
Kto się tam dostanie.)

Ja się tam dostałem,
Nic mnie nie zrobili,
Co ja nie umiałem,) bis
To mnie nauczyli.)

Sędzia mnie nauczył
Pisać i rachować,
Prokurator mnie nauczył) bis
Kraść i dobrze schować.)

A jak cię będą bili,
Nie przyznaj się zaraz,
Jak cię będzie dobrze bolić) bis
Powiedz żeś to znalazł.)

Prowadzą mnie do sądu,
Pomagaj ty mnie, Boże!
Siostry, bracia stoją —) bis
Nikt mnie nie pomoże.)

Dowidzenia, siostro,
Dowidzenia, brata! [bracie]
Sędzia mi zasądził) bis
Nowe cztery lata.)

צום ליד VII

וואַריאַנט:

אוי, ס׳איז מיר נישט גוט,
כ׳האָב קיין פרייע מינוט,
עס גייט מיר נישט איין מיין לעבן;
ווי ביטער איז דאָס מיר,
גאָר אָן א שיער,
אַז מ׳האָט מיך צו פאָליציע איבערגעגעבן.

אוי, מ׳שיקט מיך אַוועק
אין א וויטן וועג.
ווי אַזוי וועל איך גאָר קענען אויסהאַלטן?
ס׳וועט קומען די צייט,
וואָס דו וועסט זיין ווייט,
ווי אַזוי וועל איך קענען איבערהאַלטן?!

(לאָדז).

דאָס פאָלגנדיקע ליבע-ליד פון א רעקרוט איז געוויס דער פּראָטאָטיפּ
פוןביידע וואַריאַנטן:

1

אוי, ס'איז נישט גוט,
ס'איז נישטאָ קיין פרייע מינוט,
עס גייט מיר נישט איין מיין לעבן;
ווי ביטער איז דאָס מיר,
צו בלייבן אָן דיר,
אַז מ'האָט מיך פאַר אַ זעלנער אָפּגעגעבן.

ס'וועט זיין אַזאַ צייט,
וואָס דו וועסט זיין ווייט,
וי אַזוי וועל איך דאָס איבערהאַלטן?
ס'וועט זיין אַזאַ שעה,
וואָס דו ביזט נישטאָ,
ד, טוט זיך מיר מיין מח צושפּאַלטן.

2

מ'האָט מיר געגומצן אַראָפּ,
די קרוין פון מיין קאָפּ
און מיין האַרץ איז מיר צושניטן;
מ'האָט מיך געלאָזט שטיין,
ווי די שעפּעלעך אין וויסטן וואַלד אַליין,
אין וויסטן וואַלד אין מיטן.

ס'שטעלן זיך מיר אויף די האָר —
די גאַנצע פינף יאָר
וואָס מיר דאַרפן זייןביידע צושיידט;
אַז ס'קומט מיר אין זינען,
פּאָניען, אוי, צו דינען,
איז מיר ביטער ווי דער טויט.

3

אוי, ס'איז נישט גוט,
באַ פּאָניען אַ מינוט,

צו ליגן אַף דעם שטרויענעם קישן.
קום אַהער, מײַן לעבן,
וועל איך מיט דיר עפּעס רעדן:
לאָמיר זיך ביידע צוקושן.

קום אַהער, מײַן לעבן,
אַ קוש וועל איך דיר געבן,
דעם קוש זאָלסטו האָבן צו געדענקען;
דעם קוש דעם זיסן,
זאָלסטו האָבן צו געניסן, —
דו זאָלסט מיר דײַן בילד שענקען.

4

קום אַהער, מײַן געטרײַע,
דו בלײַבסט דאָך אַ פרײַע,
דו טוסט דאָך אין דער היים פאַרבלײַבן,
דאַרום בעט איך בײַ דיר,
האָב מיטלייד אַף מיר —
זאָלסט מיר אַ בריוועלע שרײַבן:

אַז איך וועל בלײַבן אַליין,
וועט מיר גאָרנישט אײַנגיין:
נישט קיין עסן און נישט קיין שלאָפן;
און דו, מײַן לעבן,
איך טו צו דיר שטרעבן,
און טו אַף מיר האָפן.

(וואַרשע).

פאַרג"ל דעם וואַריאַנט בײַ גינזבורג און מאַרעק נומ' 202.

צום ליד X

די מעלאָדיע איז באַקאַנט פון אַ׳ אַלט פּאָגראָם-ליד, פון וועלכן מיר גיבן דאָ איבער דעם טעקסט. די פּאַראַלעלע פערזן אין די צוויי לידער באַווייזן, אַז אויך די ווערטער זענען געווען בייהילפיק צום גנבים-מאָטיוו.

דאָרט אַף די גאַס,
די שטיינער זענען נאַס,
דאָרט זיצט זיך אַ מיידל אַ שיינע,
זי זיצט און זי וויינט
און זי בעט ביי יעדערן פאַרבייגייער: (bis)
„שענקט אַ נדבה אַ קליינע!

ווי גרויס איז מיין שאַנד,
אויסצושטרעקן די האַנט,
צו בעטן באַ לייטן געלט.
אַך, גאָט, דערבאַרם,
שטרעק אויס דיין אָרם (bis)
און נעם מיך שוין צו פון די וועלט!״

— „הער נאָר, דו מיידל,
וואָס ביזטו אַזוי איידל,
וואָס האָסטו אַזאַ טרויעריקע מינע;
דיין שיינע פיגור,
דיין איידעלע נאַטור, (bis)
עס פּאַסט דיר צו זיין אַ גראַפינע.״

— „אין קיעוו געבוירן,
איידל דערצויגן
אַף דעם שענסטן שטאַט,
די פּאָגראָמשטשיקעס זענען געקומען
און זיי האָבן אַלעס צוגענומען, (bis)
מיר זענען געבליבן נע-ונד.

אַך, די קאַצאַפּן,
מיט זייערע לאַפּן,
זיי האָבן אַלעס פאַרדאָרבן:

דאָס הויז צעבראָכן,
דעם פאָטער דערשטאָכן,
די מוטער פאַר צרות געשטאָרבן.
bis

דער ברודער איז געוואָרן אין כּעס,
ער איז אַרויס אַף די גאַס
און האָט אַ פּאָגראָמשטשיק דערשטאָכן.
אַ ייד טאָר נישט לאַנג לעבן,
אַ ייד טאָר נישט צוריקגעבן, —
מ׳האָט אים אין קייטן געשלאָסן.
bis

(וואַרשע).

וואַריאַנטן — גינזבורג און מאַרעק נ״נ 59, 58

צום ליד XI

וואַריאַנט :

1

אין די הויכע פענצטער מיט די אייזערנע קראַטן,
וואָס עס שטייט אינמיטן לאַנד,
ס׳איז באַוואַכט מיט פיל סאָלדאַטן,
דאָס איז געמאַכט פאַר דעם אַרעסטאַנט.

די אייזערנע טיר מיט די אייזערנע ווענט,
די קייטן קלינגען אַף די פיס און די הענט.
דאָרט זיצן מענטשן טאָג און נאַכט,
די טיר אַף שלעסער איז פעסט פאַרמאַכט.
bis

2

אין דעם ענגן שטיבל, וואָס איז פעסט פאַרשלאָסן
דאָרט זיצט אַ מענטש איינער אַליין,
די יעדינאָטשקע [איינצל-קאַמער] זי איז מיט
טרערן באַגאָסן,
ער בעט אַ מיטל מיט אַ גרויס געוויין.

אַך, ליבער גאָט, נעם מיך אַרויס!
ווייל איך לייד הונגער און נויט,
אַלע טאָג הונגער און נויט,
אַ שטיקל ברויט פֿון אַכט לויט. bis

3

אַ יאָר צייט בין איך אָפּגעזעסן,
אָפּגעזעסן, אוי, דעם אינקוויזיט,
כ'האָב געמיינט, מ'האָט אין מיר פֿאַרגעסן,
פּלוצלינג הער איך שווערע טריט.

מ'האָט מיר מיין קאַמער אויפֿגעמאַכט
און מען האָט מיר דערלאַנגט דעם אַקט.
איך האָב דעם אַקט אַדורכגעליינט,
די פֿיר ווענט האָבן מיטגעוויינט. bis

4

אוי, די קאַרעטע, וואָס זי פֿירט מיך אין סאָנד,
דאָרטן שטייט אַ גרינער טיש,
געשטעלט האָט מען מיך אין אַ קאָנט,
געציטערט האָב איך אַזוי ווי אַ פֿיש.

אַזוי ווי דער ריכטער האָט מיט די ציין געקריצט,
פֿאַר בלויז מורא האָב איך מיך צוגעפּיצט.
כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל גיין לויז,
האָב איך געקריגן פֿיר יאָר צוכט־הויז. bis

5

אַף די לעגימאַטע בין איך מיר געלעגן, —
קראַנק געוואָרן אַן אַ צאָל,
דער דאָקטאָר איז באַ מיר געוועזן
און ר'האָט מיך אָפּגעשיקט אין אַרעסטאַנטסקע שפּיטאָל.

אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט,
געשטאָרבן בין איך אין די זעלבע נאַכט.
צוויי ליכט צוקאָפּנס האָט מען מיר געשטעלט,
דאָ האָט זיך געענדיקט מיין ליכטיקע וועלט. bis

6

דער שוואַרצער וואָגן איז אָנגעקומען,
מ'האָט דעם העלד אַריינגעלייגט,
אַ צדקה־פּישקע האָט מען נאָכגעטראָגן,
מ'האָט פיל געלט אַריינגעלייגט.

מ'האָט פיל אַריינגעלייגט,
שאַרבענעס אַף די אויגן האָט מען מיר געלייגט.
אַ ברעטל צו קאָפּנס האָט מען מיר אויפ־
געשטעלט,
דאָ האָט זיך געענדיקט דער געלער
אברהם דער העלד. bis

1918 חנה־פּערל קובעל, וואַרשע).

צום ליד XV

מ. גידעמאַן ברענגט אויך פאַלן ווי מ'האָט פאַרגעלייגט די יידישע גנבים צו באַפרייען פון טויט־שטראָף, אויב זיי וועלן זיך שמדן. — מ. גידעמאַן אידישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער, קאַפּיטל V.—אידיש—נחום שטיף, בערלין 1922.

צום ליד XXII

לויט דעמזעלבן טעקסט און מאָטיוו איז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן אַנטשטאַנען דאָס פאָלגנדיקע ליד:

כ'בין געווען קליין,
בא מיין טאַטע־מאַמע אין די היים,
אוי, וואָס האָט מיר דאַמאָלס געפעלט.
איך טו מיך דערמאַנען,
כ'בין זיך איינשרייבן געגאַנגען,
ווי גליקלעך בין איך דאַמאָלס געווען.

כ׳בין אין ביורע אַריינגעקומען,
מ׳האָט מיך גאַנץ פיין צוגענומען,
מ׳האָט מיר איינגערעדט, אַך, גליקן אַ סך.
די שרייבערס, מיליציאַנטן,
זענען גרויסע שפעקולאַנטן,
צו די וואָגעזן-בערג האָט מען מיך פאַרנאַרט.

ס׳קומט מאָנטיק פאַרנאַכט,
ס׳פעקל האָב איך מיר געמאַכט,
צום קאַלישער וואָקזאַל זענען מיר אַוועק.
חברים און ברידער,
מאַכט נישט קיין גערודער,
מיר זענען שוין אין דער היים נישט מער.

כ׳בין געקומען קיין קאָליש,
אַזוי ווי אַ חלוש,
מיט קאָנוואָי האָט מען מיך אין באָד אַריין געפירט;
כ׳בין אין באָד אַריין געקומען,
האָבן זיך די יעקעס [דייטשן] צו מיר גענומען:
„אַ פאַרפלוכטע באַנדע זייט איר!״

כ׳בין געפאָרן דורכן טונעל,
כ׳בין געקומען אַפן שטעל,
כ׳האָב געזעצן ווי מיין אַרבעט זעט אויס:
צווישן וואַסער און פעלדער,
צווישן בערג און וועלדער,
דאָרט וועט מען אַף די אַרבעט אַרויס.

כ׳בין צו די אַרבעט געגאַנגען,
אַ האַק האָט מען מיר געטון דערלאַנגען,
כ׳האָב געאַרבעט ביטער און שווער.

די אַרבעט טוט זיך מיר פאַרמיאוסן,
כ'הער די פראַנצויזן שיסן,
אַהיים פאָרן איז מיין באַגער.

ס'איז געקומען אַן אָפיציר
און ער זאָגט צו מיר:
„אַהיימפאָרן וועט דיר נישט גיין.
האָסט דיך אונטערגעשריבן,
אַזוי איז פאַרבליבן
דריי מאָנאַטן מוזטו היר זיין".

ס'איז פאַרביי דריי מאָנאַטן,
מ'טוט פון מיר ווייטער שפּעטן,
אַהיים פאָרן לאָזט מען מיך נישט אָפּ;
מ'טוט אַלע טאָג איינטרעטן,
מ'טוט וויינען און בעטן
און דעם טערמין לייגט מען אַלץ אָפּ.

ס'איז אַ טאָג געקומען,
מ'האָט זיך אַלע צוזאַמענגענומען,
מ'איז אַרויס מיט אַ גרויס געשריי;
דער לייטענאַנט האָט זיך דערשראָקן
און איז צו אונז געלאָפן:
„און דעם ערשטן פאָרט מען אַהיים".

1917

(לאָדז).

צום ליד XXIII

אלס מוסטער האָט דאָ געדינט דאָס אַלטע ליבע־ליד. די אָנהייב סטראָפן זענען זאָגאַר די זעלבע, ס׳איז נאָר איבערגעביטן דאָס וואָרט „ליבע“ אַף „טורמע“·

גע‏בוירן בין איך אין אַלעם גוטס
און רייך בין איך אויכעט גענוג,
אוי, צרות האָב איך שוין געהאַט אַ סך,
היינט קומט דאָס אַלעס צונויף.

מקנא בין איך דעם אָרעמאַן,
וואָס פאַרדינט זיך קוים אַף זיין ברויט,
לעבן לעבט ער ווי ער קען,
די ליבע מאַכט אים נישט נ׳טויט.

די ליבע האָט מיר אַוועקגערויבט מיין יוגנט,
און צוגענומען בײַ מיר מיין מוט,
אַך, ווי גליקלעך האָב איך זיך אַמאָל געלעבט,
און ווי איז מיר געווען גוט.

ווי וויל איז דעם מענטש, וואָס קען זיך דערנערן,
צו די צרות איז דער מענטש געבוירן;
כ׳האָב געהאַט צוויי שיינע פאַרבן,
דורך די ליבע האָב איך זיי אָנגעווירן.

כ׳האָב געבליט אַזוי ווי אַ שיינע בלום,
אומזיסט האָב איך פאַרבליט מיינע טעג,
היינט מאַכן מיך מיינע עלטערן דול,
וואָס טויג שוין מיר מיין פאַרמעג?

— טאָכטער, האַק נישט אָפּ דיין וועלט,
כל־זמן ביזט איינע אַליין,
כ׳וועל דיר געבן אַ שענערן מיט געלט,
דו וועסט דיך קענען אָן דעם קבצן באַגיין“.

—„אוי, טאַטע, דיין משל טוט מיר געפעלן,
טו דיך נישט מיט דיין גוטס איבערנעמען,
כ'האָב שוין געזעען גרעסערע גבירים,
זענען זיי אויך אַף קצבה געקומען.

אַזוי ווי מ'הייבט אָן דאָס ביימעלע צו פלאַנצן,
טון די בלעטעלעך בליען,
טאַטע-מאַמע טון אַף זייערע קינדערס שמחות טאַנצן,
די לבנה מיט די שטערן טוט אַף זיי רוען.

באַלד נישט — פאַלט אַראָפּ אַ האָגל אַ שטאַרקער,—
וועט דעם ביימעלע שאַדטן, —
ווער עס וועט זיך מישן אין אונדזער ליבע,
וועט פאַלן צו די ערד ווי די בלאַטן [בלעטער].

אוי, גאָט, איילמעכטיקער גאָט,
רייס אויס אַ ריפּ פון מיין לייב!
זיי שוין מגלה דעם סוד,
אַז ער זאָל זיין מיין מאַן און איך זיין ווייב.

(וואַרשע).

צו די צוויי נסחאות איז כדאי צו פאַרגלייכן דאָס ליד פון אַן עגונה, וואָס זינגט זיך מיט דער זעלבער מעלאָדיע:

מקנא בין איך די אלמנה,
וואָס דער מאַן איז איר געשטאָרבן,
ס'איז נישט מיט איר קיין סכנה,
אַז זי קען אַ צווייטן מאַן האָבן.

אָבער איך, אָרעמע עגונה,
כ'ווייס נישט אָבער ער לעבט, אָבער ער איז טויט,
קינדערלעך האָב איך זיבן.
איך האָב נישט פאַר זיי קיין שטיקל ברויט.

(ראָדעם).

צום ליד XXVII

וואַריאַנט:

פאַרשאָלטן האָט געזאָלט ווערן דידאָזיקע שעה,
צייט כ'בין פון מיינע עלטערנס היים אַרויס,
אוי, גוטע-ברידער כ'האָב פון מיין לעבן נישט
קיין הנאה
און די כּחות גייען מיר שוין אויס.

גוטע-ברידער ס'איז מיר אַזוי שלעכט
און דאַצו זייער ביטער,
איך בלאָנקע מיך אַרום בּאַטאָג און באַנאַכט,
כ'גיי נישט אַהיים צו מיין פאָטער און מוטער.

אַזוי ווי כ'בין פון מיין פאָטער און מוטערס
היים אַרויס,
האָב איך מיך באַקענט מיט מיינע גוטע-ברידער,
מ'האָט מיך באַלד אַף די קני־פּיעס געשלעפּט,
ווו ס'איז דאָ קאָרטן-שפּילער.

אַזוי ווי כ'בין אין גאַס אַריין געקומען,
האָב איך מיר גענומען אַ כּלה אַ הור,
אַזוי ווי כ'האָב נאָר די גנבה דערקאָנט,
דאָ האָב איך געגאַנוועט און געראַבּירט.

אוי, גוטע-ברידער, ס'איז מיר געווען אַזוי גוט,
כ'האָב נישט געוווּסט פון קיין שום נויט,
איידער צו זיצן אין צאַרקל אַ מינוט,
וואָלט איך מיר פאַרווונטשן דעם טויט.[1]

---

[1] וואַריאַנט:

אוי, גוטע-ברידער, ס'איז מיר געווען זייער גוט,
כ'האָב נישט געוווּסט פון קיין שום נויט,
היינט ליג איך, נעבעך, אין פּאַוויאַק
און שטאַרב דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ שטיקל
שוואַרץ ברויט.

אַזוי ווי כ'בין אין צאַרקל אַריין געקומען,
איז מיין פאָטער צוגעקומען און האָט מיר
געגומען תכּכה זאָגן,
אַזו ווי מ'האָט מיך אין ביורע שלעסטווע
אַריין גענומען,
דאָ האָט מען מיך אָנגעהויבן צו האַרגענען
צו שלאָגן.

אוי, גוטע־ברידער, זיי האָבן מיך אַזוי געשלאָגן,
זיי האָבן מיך געשלאָגן שיער צום טויט,
זיי האָבן געוואָלט איך זאָל זיי סליכענען [אויסזאָגן],
ווו כ'האָב די שאָריע פאַרקויפט.

אַזוי ווי ס'איז געקומען דער דינסטיקער טאָג,
איז דער בלינדער מאַקאַרעוו (?) אַריינגעקומען,
דאָ האָט ער צו מיר געגעבן אַ זאָג:
„היינט וועט זיין דיין ספּראַווע".

כ'האָב מיך פון דעם אויסגעלאַכט,
כ'האָב עס געהאַלטן פאַר אַ קלייניקייט,
אַזוי ווי כ'בין נאָר אין סאָנד אַריין געקומען,
אַף אַ יאָר מיט אַכט חדשים האָט מען מיך
אַריינגעלייגט.

אַזוי ווי כ'בין פון סאָנד אַרויסגעגאַנגען,
בין איך געגאַנגען זייער בייז,
דאָ איז צו מיר מיין געטרייע כּלה צוגעקומען
און זי האָט מיך פון דעם אַלעם געטרייסט.

זי האָט צו מיר אַזוי געזאָגט,
אַז זי וועט זיין בײַ דעם סעקרעטאַר,
ס'האָט נישט געדויערט קיין אַכט טאָג,
שיקט מען מיך אָפּ אין אַרסענאַל אַריין.

אזוי ווי כ׳בין אין ארסענאל אריין געקומען,
האָב איך מיך אָנגעהאַלטן באַ די שטאַבע,
איז צו מיר דער שליסער צוגעקומען
און האָט געזאָגט: „טו אָן די ארעסטאַנטסקע
אובראַניע".

אוי, גוטער-ברידער, כ׳האָב אין דעם אויסגעזעצן,
אזוי ווי אַ דראָשקאַזש אַף דעם קאָזשאַל,
מ׳האָט מיט מיר קיין שום געשעפטן געמאַכט,
מ׳האָט מיך אָפּגעשיקט אין פארדן אָדזשאַל.

אזוי ווי כ׳בין אין פארדן אָדזשאַל ארונטערגעגאַנגען,
בין איך געגאַנגען אָן כּח,
דאָ איז צו מיר אַן אַלטער גנב צוגעקומען
און האָט מיך געפרעגט, צי כ׳האָב עפּעס רויך.

איך האָב אים אזוי געזאָגט:
מ׳וועט מיר אודאי ברענגען.
האָט ער מיך מיט דעם גזר-דין געקלאָגט:
„אַז דו האָסט נישט קיין רויך, מעגסטו זיך
אויפהענגען".

1912 (יצחק פּילאַרעט, ווארשע).

צום ליד XXVIII

וואַריאַנט:

I

צוויי וואָכן פאר ערב פּסח,
אזוי ווי ס׳איז געקומען מאָנטיק פארנאַכט,
אוי, בין איך מיר אין גאַס אריין געגאַנגען,
אַף דעם אומגליק האָב איך מיך גאָרנישט געראַפּט.

כ׳בין אַף די ברייטע מילע גאַס אַרויסגעקומען,
פאַר שוויצערס הויף בין איך געבליבן שטיין,
געזעען האָב איך אַ גרויסן מאַסעמאַטן,
צום אומגליק האָב איך אָנגעהויבן צו גיין.

אַזוי ווי כ׳בין אַפן צווייטן שטאָק אַרויפגעקומען,
איז געשטאַנען אַ קאַנטאָרעלע מיט געלט,
כ׳האָב דאָס צו מיר גענומען,
צו די טיר האָב איך דאָס אַוועקגעשטעלט.

אַזוי ווי כ׳וויל די טיר אויפמאַכן,
זע איך, פון דרויסן איז פאַרמאַכט,
בין איך אַף דעם פענצטער אַרויפגעקראָכן,
דאָ האָט מיך משה־חיים אָנגעכאַפּט.

אַזוי ווי ער האָט מיך אָנגעכאַפּט,
געהערט קלינגען האָב איך אַף דעם גלאָק,
כ׳בין געבליבן שטיין דערשראָקן
און כ׳בין אַראָפּגעשפּרינגען פון צווייטן שטאָק.

אַזוי ווי כ׳בין פון צווייטן שטאָק אַראָפּגעשפּרינגען,
געפאַלן בין איך אַף אַ שטיין;
כ׳האָב געמיינט, כ׳האָב מיר גאָרנישט געטון,
אוי, צעבראָכן אַ פוס אין דרייען אַ ביין.

אַזוי ווי כ׳האָב דעם פוס צעבראָכן,
בין איך אַף פאָקאָרנע גאַס אַוועקגעלאָפן:
אוי, זעטס נאָר, ליבע מענטשן, מיין אומגליק,
וואָס מיך האָט אַצינד געטראָפן.

1906 (אברהם מלינאזש, ווארשע).

צום ליד XXXIII

די נאָטן:

דאָנערשטאָג אינדערפריה.



צום ליד XXXVI

וואַריאַנט — פנחס גראַובאַרד XXXII

דער נוסח פונ'ם ליד פון אַ „פּאָוסטאַניעץ״ (גינזבורג-מאַרעק 57) איז מסתּם עלטער פון דעם ליד פון „פּאַסע־״, און דאָס לעצטע איז אפנים אַ נאָכמאַכונג פון דעם ערשטן.

צום ליד XXXVII

אַלס פאַרגלייך צום ליד פון יאָסל-בענקאַט ברענגען מיר דאָ דאָס ליבע-ליד, וואָס ווערט געזונגען מיט אַן ענלעכער מעלאָדיע. די מעלאָדיע איז באַקאַנט פון זעם רוסישן ליד: Я чахоткою страдаю

באַלד וועל איך מיין האַלדז איינציען,
בלייבן הענגען וועל איך אַף אַ שנור.
אוי, די ליבע וואָס טוט אין מיין האַרצן גליען,
ס'וועט נישט בלייבן ביזן לעצטן ביין קיין שפּור.

באַלד וועט ווערן אַ גרויסער געררודער,
אַלע מענטשן וועלן לויפן דעם געהאָנגענעם זען,

אָבער איינע זי וועט נישט זיין באַ מיין פאַרזאַמלונג,
איר בילד וועט מיר אַקייגן שטיין.

דאָקטוירעם זיי וועלן מיך באַטראַכטן,
חברה־קדושא וועט מיר געבן אַ קבר אין אַ זייט,
מענטשן וועלן מיר קומען באַטראַכטן:
„אוי, ווי נעמט זיך אַ מענטש אַליין דעם טויט‟.

מענכע וועלן מיר נאָך אַ פּאָר טרערן שענקען,
מיטן מיינונג, אַז אַ ליבע ברענגט צו אַלץ,
אָבער דאַמאָלס וועל איך שוין דאָס אַלעס ניט
דענקען,
כ׳וועל ליגן טויט ווי אַ שטיק האָלץ.

איך דאַנק די זון מיט אירע שטראַלן,
וואָס זי האָט מיר ביז צוואָנציק יאָר געלייכט,
איך דאַנק די פעלדער מיט די גערטנער,
וואָס זיי האָבן מיר ביז צוואָציק יאָר געשפּייזט.

געזעגענען געזעגן איך זיך מיט אַלע שכנים,
וואָס איך האָב מיט זיי געוווינט און זיך געפריידט;
ביז צוואָנציק יאָר האָב איך ניט געקענט צו
מיין ציל גרייכן,
היינט מוז איך נעמען פון אַלע אָפּשייד.

מיט מיין כלה האָב איך נאָך זייער פיל צו ריידן,
נאָר כ׳שענק איר, ווייל כ׳האָב איר ליב,
אַטיע, אַטיע, מיין טייערע כלה,
אַטיע, ביז אין מיינעם גרוב!

1911 (רבקז וועגראָווסקא אָסטראָוו, לאָמז׳ וו׳).

פאַרג״ל דעם וואַריאַנט אין אָפּטיילונג II, XVII.

צום לֿיד XLII

דאָס לֿיד שטאַמט פֿון דעם רעקרוטן-לֿיד.

די ערשטע נאַכט
לֿיג איך מיר און טראַכט,
איך מיין, אַז די פֿרייד איז אַלֿץ פֿון פֿריער.
איך לֿיג אַף די שטיינער
און קוועטש מיר אָפּ די ביינער, bis
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר!

די צווייטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט,
איך מיין אַז די פֿרייד איז אַלץ פֿון פֿריער.
איך לֿיג באַ די טיר
אין אַ סאָלֿדאַטסקע מונדיר, bis
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר!

די דריטע נאַכט
לֿיג איך מיר און טראַכט,
איך מיין, אַז די פֿרייד איז אַלֿץ פֿון פֿריער.
איך ליג אַף די נאַרע —
די ביינדעלֿעך די דאַרע, bis
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר!

די פֿאַרדע נאַכט
לֿיג איך מיר און טראַכט,
איך מיין, אַז די פֿרייד איז אַלֿץ פֿון פֿריער.
איך ליג אַף די שוועלֿ
און באַקוק דעם שינעלֿ, bis
אוי-וויי, ווי ביטער איז דאָס מיר!

די פֿיפֿטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט,
איך מיין, אַז די פֿרייד איז אַלֿץ פֿון פֿריער.

איך ליג אף די ערד
און בּאַקוק מײַן שווערד,
אוי-ווײַ, ווי ביטער איז דאָס מיר! (bis)

די זעקסטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט,
איך מײן, אַז די פרײד איז אַלץ פון פריער.
די מוזיק טוט שוין שפּילן,
מ'טוט מיך אין פּאָק אַרײַן פירן,
אוי-ווײַ, ווי ביטער איז דאָס מיר! (bis)

די זיבּעטע נאַכט
ליג איך מיר און טראַכט,
איך, מײן, אַז די פרײד איז אַלץ פון פריער.
איך פאָר אַוועק אַף אַ ווײַלע,
דרײַ יאָר פון מײַן כּלה,
אוי-ווײַ, ווי ביטער איז דאָס מיר! (bis)

1909 (רײזל אײדלסבּערג, נאָווידוואָר, וואַרש. וו.).

ענליך צו די לידער „ליג איך" אויך דאָס פאָלגנדיקע סוכּות-ליד:

א סוכּה א קלײנע.



אַ סוכּה אַ קלײנע,
פון ברעטלעך געמײנע,
קוים מיט צרות געמאכט;
געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך,
איך זיץ מיר אין סוכּה בּאַנאַכט. (bis)

איך מאַך מיר קידוש,
ס'איז מיר אַ חידוש, —
די ליכטעלעך ברענען רויִק שטיל;
פון דעם װינט דעם קאַלטן,
עס בלאָזט פון אַלע שפּאַלטן,
אין סוכּה װערט קאַלט און קיל. (bis)

צום צװײטן געריכט,
מיט אַ טרויער געזיכט,
טראָגט מיר מײן װײבעלע אַרײן;
זי שטעלט זיך אַװעק
און זאָגט מיט שרעק:
„די סוכּה זי פאַלט באַלד אײן.“ (bis)

„זײ נישט קײן נאַר
און האָב נישט קײן צער —
די סוכּה װעט שטײן יאָרן לאַנג;
פיל װינטן עס ברומען,
פיל װעלטן עס קומען,
די סוכּה װעט שטײן יאָרן לאַנג. (bis)

1913 (משה ליפשיץ, מיר, מינסק' גוב').

צום ליד LX

דאָס ליד מיט באַרבײַטע נאָטן איז געדרוקט אין מ. קיפּניסעס זאַמלונג II.

צום ליד LXIa LXI

די מעלאָדיע און דער טעקסט פון די וואַריאַנטן איז געבויט לויט אַ ליד אין דער אָפּערעטע „די כשופמאַכערן" פון אברהם גאָלדפאַדן, געזונגען אין דריטן אַקט 4-טע און 8-טע סצענע:

„גיכער, גיכער,
ווי אַ וויכער..."

בעת דער פרייהייטס-באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען באַוווּסט אַ ליד מיט דעם נוסח:

שנעלער, צו די באַריקאַדן,
גיכער מיט געווער אַרויס!
נישט געשטאַנען, קאַמעראַדן,
ווייל דער זיג איז זייער גרויס.

צום ליד LXIX

מיט די זעלבע פֿערזן פון דער ערשטער סטראָפע הייבט זיך אָן אַ באַקאַנט ליבע-ליד.

וואָס טויג מיר מיין לעבן אַף די וועלט,
אוי, וויי איז מיר!
ווי אומגליקלעך בין איך געבוירן,
גלייכער וואָלט איך נישט געווען דערלעבט,
אין מיין מאַמעס בויך וואָלט איך געווען פאַרלוירן.

אוי, גראָבן גראָבט ער אונטער מיר אַ גריבעלע,
אוי, וויי איז מיר!
אפילו זיצנדיק בארן גלעזעלע וויין;
כ'זאָל אַפילו זיין אין קייסערליכן גאָרטן,
גייט מיר מיין לעבן נישט איין.

מיר זעמירביידע אין שטיבעלע געזעסן,
אוי, ווי איז מיר!
געלעזן האָט ער מיר אַ ראָמאַן,
כ׳בין בּאַ אים אָף זיין שויס געזעסן,
כ׳האָב געמיינט, אַז ער וועט זיין מיין מאַן.

שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אוי, ווי איז מיר!
אין אַ שטורעם און אין אַ ווינט,
וויפל טענות ער האָט צו מיר איינגעטענהט,
אַזוי ווי אַ פאָטער צו זיין אייגן קינד.

שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אוי, ווי איז מיר!
אַרום און אַרום דעם גרינעם גראָז,
ער האָט מיך איבערגעפירט,
איך ווייס נישט פאַר ווען און פאַרוואָס.

שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אוי, ווי איז מיר!
אַרום און אַרום דעם בולוואַר, —
ער איז געבליבן דער קלוגער
און איך בין געבליבן דער נאַר.

(וואַרשע).

צום ליד LXXIV

דאָס ליד איז גענומען פון די רעקרוטן-נוסחאות. דער דאָזיקער צווייג פון זיי איז זייער פּאָפּולער.

וואָס קענען מיר העלפן, וואָס קענען מיר מאַכן,
מיר זענען אין גוישקע הענט.
אוי-וויי, ברידער, מיר זענען סאָלדאַטן,
מיר האָבן פאַרשפּילט אונדזער וועלט.

צום ליד LXXIX

פאַרגלייך דאָס ליד צום נ' LXXXIV

צום ליד LXXXI

אַלס מוסטער האָט דאָ געדינט די פאָלגנדיקע פאַרשפּרייטע פאָלקס־פּאַראָדיע.

אַ דייטשל, אַ דייטשל,
ער רייכערט אַ ליולקע,
ער גייט אַף אַ חתונה
און גאַנוועט אַ בילקע.

אָרנטלעך און פיין,
פיין, פיין, פיין,
אַ דייטשל, אַ פּאַצעט,
מוז מען זיין.[1]

ער גייט און ער גייט
און ער גייט כּסדר,
ער טראָגט אַ קייט
און אַ קרענק — אַ זייגער.

אָרנטלעך און פיין... אאַז"וו

ער גייט אַ פּאָר קאַמאַשן
מיט לאַנגע שפּיצן,

---

[1] וואַריאַנט:

אָרנטלעך און אָ־נטלעך,
גאַנץ שיין,
אַ דייטשל, אַ דייטשל,
מוז מען זיין.

מ׳כאַפּט אים באַ אַ קעשענע,
גייט ער זיצן[1].

אָרנטלעך און פיין... אאַז״וו

ער גייט אַ קאָלנער
מיט אַ פאָרהעמד,
און די גזשיווע
איז שיין פאַרקעמט[2].

אָרנטלעך און פיין... אאַז״וו

ער לייגט זיך שלאָפן,
בייסן אים די וואַנצן
ס׳קומט באַטאָג,
לערנט ער זיך טאַנצן.

אָרנטלעך און פיין... אאַז״וו.

ער גייט אַ קאָלנער
ווייס ווי שניי,

---

1) וואַריאַנט :
ער גייט אַ פּאָר קאַמאַשן
מיט גרויסע נאָסן,
אונטער די נאָסן
איז אויסגעשאָסן.

2) וואַריאַנט :
ער גייט אַ קאָלנער
אָן אַ העמד,
אַבי די גזשיווע
גייט ער פאַרקעמט.

אונטערן קאַלנער
טאַנצן פליי.

אָרנטלעך און פיין... אאַז״וו

סיגענעטן טראָגט ער
אַף די פינגער,
ס׳ווייב און קינד
שטאַרבן פאַר הונגער.

אָרנטלעך און פיין,
פיין, פיין, פיין,
אַ דייטש, אַ פאַצעט
מוז מען זיין.

אַ צילינדער טראָגט ער
אַפן קאָפּ,
ער קומט אַהיים
גראַבלט ער אין טאָפּ.

אָרנטלעך און פיין... אאַז״וו

צו אָפּטיילונג II

פון די ליבע-לידער איז זעכצן נומערן אר״ן אין „לאנדוי-בוך״ (שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ב׳ I).

די ראשי-תיבות פוו״ב (פוילישער ווערטער בוך) — Słownik języka polskiego Jana Karłowicza.

צום ליד VIII

וואַריאַנט:

הערטס אויס, ליבע מענטשן,
דאָס ליד, וואָס כ׳וועל אייך זינגען:
דאָס ליד איז פון טוליע נורקע,
וואָס גאַנץ וואַרשע טוט פון אים קלינגען.

דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן
בײַם וואַרשעווער אַרסענאַל בײַ די ווענט:
די ערשטע כלה, וואָס ער האָט געפּאַטערט,
מיט לאָניען האָט ער זיך באַלד דערקענט.

אַזוי ווי ער האָט זיך מיט לאָניען דערקענט,
אָנגעהויבן ליבן האָט ער זי גאַנץ גוט;
אַ פּראָסטן מיטוואָך, דער טראַמוואַי געגאַנגען
און טוליע איז שוין פאַרשיט.

אַזוי ווי לאָניע האָט נאָר דאָס דערהערט,
אין פאַרדן צאַרקל האָט זי געטון לויפן,
זי האָט געמיינט, זי וועט געבן געלט,
זי וועט טוליעלען אויסקויפן.

ניט קיין געלט, נישט קיין געשריי,
נישט קיין געלט, נישט קיין געוויין:
דער שלעדראָוואַטעל האָט די דיעלע געענדיקט,
און טוליע גייט אין אַרסענאַל אַריין.

לאָניע האָט נישט געטון קלערן,
נישט געקלערט און נישט געטראַכט:
אַ פּראָסטן מיטוואָך אַף אַ ווידזעניע,
אַ פּעקל אין קיטש האָט זי מיטגעבראַכט.

אַזוי ווי טוליע האָט לאָניען דערזעען,
האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן:
„פרעמדע פּאָדלאָגעס וועל איך גיין וואַשן,
און דיר אַ פּעקל וועל איך טראָגן".

— אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אַ רעגן און אַ כמאַרע;
היינט דריי וואָכן וועט זיין מיין ספּראַווע,
מ'קען דאָך מיך באַפרייען.

אין דרויסן גייט אַ רעגן.
אַ רעגן און אַ בלאָטע;
די וואַרשעווער לאַטקעס האָבן אָפּגעפּסקנט,
פרישע דריי יאָר ראָטע.

(דוד בירנבוים, וואַרשע).

צום ליד IX

דער גנבים־כאַראַקטער פֿון דעם ליד איז קענטיק בלויז פֿון דער לעצטער סטראָפֿע, פֿון וועלכן דער דריטער פֿערז איז געענדערט לויט דעם פֿאָלגנדיקן ליבע־ליד:

פֿאַרליבט, פֿאַרליבט האָב איך מיך אין איינעם,
זיין קאָפּ איז געווען מיט פּערפֿומע אויסגעשמירט.
זיינע שוואַרצע אייגעלעך מיט זיינע זיסע
ריידעלעך,
זיי האָבן מיך פֿון וועג אַראָפּגעפֿירט. (bis)
אוי־וויי!

צרות, צרות האָב איך פֿון אים געליטן,
כ׳האָב זיי נישט געטון באַדאַרפֿן;
אַ שטיין אַף מיין האַלדז וועל איך מיר
אָנהענגען,
אין טייך אַריין וועל איך מיך וואַרפֿן. (bis)
אוי־וויי!

אַז כ׳וועל מיך אין טייך אַריינוואַרפֿן,
געוויס וועל איך ווערן פֿאַרלוירן;
פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג פֿון אונדזער
ליבע,
קיין ליבע זאָל נישט ווערן געבוירן. (bis)
אוי־וויי!

שפּאַצירן, שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
די זון האָט דאַמאָלס געשיינט,
אַזוי ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען,
אַזוי איז מיר געוואָרן קאַלט. (bis)
אוי־וויי!

קאַלט, אוי־וויי, איז דאָך מיר געוואָרן,
מיט זיין פֿאַלטן האָט ער מיך געטון אַרומהילן.

אָך און וויי, גיט זי אַ געשריי:
קיין ליבע איז דאָך נישט גוט צו פירן. (bis)
אוי-וויי!

מיין טאַטעליו און מיין מאַמעליו זיי האָבן מיר צוגעזאָגט,
זיי וועלן מיר ביי דער חופה בענטשן,
היינט בין איך פאַרטריבן אין אַ פרעמד לאַנד,
עס באַדויערן מיך פרעמדע מענטשן. (bis)
אוי-וויי!

(ח:ה-אסתר ווייסבראָד, ווארשע). 1907

[illegible] ליד XII

וואַריאַנט פון אַ ליבע-ליד:

1

אַזוי ווי אַ פלאַם פלאַקערט אין פייער,
אַזוי איז מיר מיין ליבע אָנגעצונדן,
ווער איז באַ מיר נאָך אַזוי טייער
און ווער קען מיר הייקן מיינע וווּנדן.

איך פיל באַ זיך קיינעם.
ווער ס'זאָל וויסן מיין גרונד,
נאָר דו, לובטשו, ביזט באַ מיר איינער,
וואָס הייקן קענסטו מיר מיין ווונד.

2

איך האָב נישט מיט קיינעמען צו רעדן,
מיט וועמען מיין צייט צו פאַרברענגען,
ס'גייט מיר אויס מיינע כחות מיט מיינע קרעפטן,
מיינע צרות טון זיך מיר דערלענגען.

צו מײַן מויל שמעקט מיר קײן עסן,
מײַנע געדאַנקען זענען מיר גאַנץ װײַט,
איך װאָלט נאָר געװאָלט דאָס װיסן,
צי דו געדענקסט נאָך די לענגסטיקע צײַט.

3

מיט אַ קורצע צײַט צוריק,
איז נישט געװען דאָס גלײַכינק צו מיר,
װי ס'האָט מיר געשפּילט מײַן גליק,
צוזאַמען צו זײַן מיט דיר.

צו זען דײַן שײנעם געשטאַלט
מיט דײַנע שײנע װינקען,
יעצט שרײַ איך געװאַלד,
איך גײ זיך שױן דערטרינקען.

4

איך טרינק זיך יעצט אין אַ טײַך,
װאָס אַלע מענטשן קוקן מיט די אױגן,
װאָס טױג מיר מײַן גוטס און מײַן רײַך,
אַז דו ביזט פון מיר פאַרפלױגן.

פאַרפלױגן ביזטו פון מיר
אין אַזאַ װײַט לאַנד,
פאַר מײַנע עלטערן דאָס צו דערצײלן
איז דאָך מיר אַ גרױסע שאַנד.

5

אַך, מײַנע עלטערן טון בײַ מיר פרעגן:
— „מײַן קינד, װאָס גײסטו אַזױ געדריקט?"
איך שעם זיך זײ צו דערצײלן,
אַז איך האָב מיך אין אײנעם פאַרליבט.

פֿאַרליבט האָב איך מיך אין איינעם,
וואָס כ׳האָב ביי אים גאָרנישט די ווערט,
אויסגעזאָגט האָב איך נישט פֿאַר קיינעם —
מסתּמא איז ער מיר נישט באַשערט.

6

ווי אַ פֿאָטער היט זיין קינד,
אַזוי בין איך געווען באַ דיר,
היינט זע נאָר וואָס פֿאַר אַ זינד,
אַז דו האָסט נישט קיין רחמנות אַף מיר.

וויפֿל צרות האָב איך געליטן,
ס׳איז גאָר אָן אַ שיעור,
דו ביזט געוואָרן פֿאַרביטן,
ס׳איז נישט קיין צוטריט צו דיר.

(הדס מארקעוויטש, קראַזניסטאַוו, לובל׳ ווי׳).

צום ליד XXII

די ווערטער פֿון דריטן פּערז דריטע סטראָפֿע „אַז דו ווערסט אַף די פֿריי אַרויסקומען", וואָס גיט צו צום ליד אַ גנבים־כאַראַקטער, זענען איבערגעענדערט פֿון אַ פּערז אין אַ ליבע־ליד „אַז דו ווערסט פֿון פּאָניצן אַהיימקומען".
מיר גיבן דאָ אַ וואַריאַנט פֿון דעם ליבע־ליד:

פֿון מיינע אויגן האָב איך טייכן טרערן פֿאַרגאָסן,
איידער כ׳האָב דיך, דושקו, דערקענט,
מיינע עלטערן האָב איך געטון פֿאַרלאָזן,
איך האָב מיך איבערגעגעבן צו דיר, מערדער, אין די הענט.

היינט בין איך עלנט, עלנט ווי אַ שטיין,
איך האָב מיך נישט צו קיינעם צו קערן,

דו האָסט מיר מיין ערע אַזוי יונג צוגענומען,
יעצט ווילסטו פון מיר נישט הערן.

אין אַ פרעמדע שטאָט האָסטו מיך, מערדער,
פאַרפירט,
און אַהיים קומען קען איך נישט,
וואָס איז דיר אַרויסגעקומען, וואָס דו האָסט
מיך פון וועג אַראָפּגעפירט,
צי ביזטו געווען דורשטיק אָף מיין יונג בלוט.

היינט בין איך עלנט... אאַז״וו

שוין, שוין, שוין, דו מעגסט שוין גיין
ס'וועט דאָך מיך גאָרנישט אינטערעסירן,
אַ צווייטע כּלה דעם קאָפּ צו פאַרדרייען
מיך האָסטו געמיינט פון וועג אַראָפּ־ צופירן.

היינט בין איך עלנט... אאַז״וו

מיט דיינע זיסע רייד האָסטו מיך, מערדער,
איבערגענומען,
דו האָסט מיר איינגערעדט גליקן אַ סך,
אַז דו וועסט פון פאַניען אַהיימקומען,
וועסטו מיך מאַכן גליקלעך און רייַך.

היינט בין איך עלנט... אאַז״וו

דו האָסט גערעדט, ווי אַ מלאך מיט דיינע
זיסע ריידעלעך
און דו האָסט מיר איינגערעדט, אַז איך בין שיין,
אָף דיין פּנים ליגט אַ שיינהייט, אָף דיין
צונג ליגט אַ פאַלשקייט,
אין האַרצן טראָגסטו אָף מיר אַ שטיין.

היינט בין איך עלנט... אאז"וו

נישט לאַנג וואַרטנדיק וועט ליגן אַ שלאָס אַף
דיין בעט,
דער גרינער כאַלאַט וועט זיין דיינע קליידער,
דער הויכער באַרג וועט זיין דיין גאַבינעט
די פראַנצן וועלן טאָטשען יעדערעס אבר.

דו וועסט ליגן אַף דיין בעטעלע און דו וועסט
גאָר שטיל שווייגן;
דו וועסט שרייען: וויי איז מיר און ווינד!
דער דאָקטאָר וועט שטיין און וועט דיין פלייש
שניידן,
ס'וועט דיר זיין וויי און ווינד.

דעם נאָמען פון דעם חורבן,
ווען דו וועסט זיין אין אַ נויט.
אַדיעס, אַדיעס, גלייך ווי געשטאָרבן!
מאָרגן קומסטו צו גיין, גלייך ווי שוין טויט.

(בנימין רובינשטיין, ווארשע).

צום ליד XXVI

כאָטש דאָס ליד איז נישט קיין ליבע-ליד, האָבן מיר עס דערפאַר אריינגע-
נומען אין דער אָפטיילונג, ווייל דאָ רעדט זיך צו אַ געליבטע אָדער צו אַ כלה.

צום ליד XXXIII

וואַריאַנט — מ. קיפּניס II ז' 163.

צום ליד XXXVII

וואַריאַנט פון אַ ליבע־ליד ;

רבקה איז פאַרן טויער געשטאַנען,
פאַרן טויער געשטאַנען,
משה איז פאַר איר
פאַרבייגעגאַנגען, פאַרבייגעגאַנגען.

ער האָט איר פאַרווונטשן
דאָס אייביקע לעבן,
טשעקאָלאַדעס מיט טשאַסטעס
האָט ער איר געגעבן.

ער האָט איר געגעבן,
זי האָט פון אים גענומען,
ער האָט זי פאַרבעטן,
אַף די קאָליע־גאַס צו קומען.

אַף די קאָליע־גאַס
איז זי געקומען,
ער האָט זי שיין
מיט אַ גלעזל ווייַן אויפגענומען.

— שיין ביזטו, רבקה־לעבן,
אַזוי ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר איין חסרון האָסטו,
וואָס דו האָסט נישט קיין געלט.

— געלט איז דאָך קיילעכדיק,
געלט גייט אַוועק.
— איך וועל דיך נעמען
און מיר וועלן ביידע אַוועק.

מיר וועלןביידע אוועק
אין אַ ווייט לאַנד,
און דאָרט וועלן מיר ביידע
זיין ביינאַנד.

איך וועל נישט קוקן
אַף טאַטע-מאַמעס רייד,
איך וועל דיך נעמען,
ווי דו גייסט און שטייסט.

1909 (ה. פראָוויזער, בלוינע, ווארש' ו').

צום ליד XL

דאָס ליד איז פאַרשריבן געוואָרן אין 1922 און געהער צו דער פאָלקס-שאַפונג פון די לעצטע יאָרן. דער גנבים-נוסח איז מסתם איבערגעענדערט געוואָרן פונ'ם ליד פון אַ „דעזערטער" (זאַמלהעפט „לעבן" רעד. מ. שאליט, ווילנע 1921), וואָס איז אויך אַנטשטאַנען אין דער לעצטער צייט.

צום ליד XLII

דער גנבים-מאָטיוו איז געבויט לויט די ווערטער און מעלאָדיע פון דעם פאָלגנדיקן ליבע-ליד:

כ'שעלט דעם טאָג פון מיין געבוירן,
פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן ביז אַצינד,
הלואי וואָלט מיך מיין מוטער געווען פאַרלוירן,
ווען איך בין געווען אַ קליין קינד.

ווען כ'בין אַ קליין קינד געוועזן,
פון קיין ליבע פירן האָב איך נישט געוויסט,
היינט, אַז כ'בין נאָר עלטער געוואָרן
אַ ליבע פירן האָט זיך מיר פאַרגליסט.

שוין צוויי, דריי יאָר ווי איך פֿיר אַ ליבע,
און נעמען, דושקו, קעמיר זיך נישט.
אין מיין האַרצן ברענט אַ העפֿטיש פֿייער
און פֿאַרלעשן קען עס קיינער נישט.

וואָס אַמאָל ברענט דאָס פֿייער גרעסער,
ווען איך זע דיך מיט אַ צווייטן שטיין,
שטעכן וועל איך מיך מיט אַ מעסער,
פֿאַר מיינע אויגן זאָל איך עס שוין נישט זען מיין.

— שטעך נישט, דושו, מיט קיין מעסער,
לעב דיר אויס גליקלעך דיינע יאָר,
איך בין צו מזל אַ כּלה בעסער,
גאָט זאָל דיר באַשערן צו די פּאָר.

— ווען עס וועט בײַ דיר די חתונה זיין,
פּאַסן וועט מען דיר דאָס זיידן קלייד,
אויף דעם בעט, וואָס איך וועל ליגן,
ראַנגלען וועט זיך מיט מיר דער טויט.

איין זאַך וועל איך בײַ דיר בעטן,
דו זאָלסט עס מיר טון צוליב:
דריי טריט זאָלסטו מיך באַלייטן,
כּדי אין קבר זאָל איך איינליגן באַריט.

נאָך איין זאַך וועל איך דיך בעטן,
דו זאָלסט עס מיר טון צוליב:
דריי מאָל אין יאָר זאָלסטו אויף מיין קבר טרעטן,
כּדי איך זאָל ליגן באַריט.

אַז דו וועסט אַף קבר־אבות גיין,
צוערשט זאָלסטו גיין צו מיר
אַן אָנדענקונג וועט דיר איבערבלייבן,
אַז געשטאָרבן בין איך דורך דיר.

ווען דו וועסט דאָס ערשטע קינד האָבן,
אַ נאָמען זאָלסטו עס געבן נאָך מיר,
זאָלסט האָבן אַן אָנדענקונג, אַז איך בין געשטאָרבן,
אַז איך בין געשטאָרבן דורך דיר.

1907 (חנה־פערל ווייסבראָד, וואַרשע).

וואַריאַנטן: דער פנקס, ווילנע תרע״ב 399—400; גינזבורג־מאַרעק נ׳ 188.
פאַרגלייך אויך „ליד פון צוואַנג־אַרבעט״ ש. באַסטאָמסקי „ביים קוואַל״ ז׳ 111.